STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02519

UNDZER FOLK

H. Barkan

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ח. באַרקאַן

אונדזער פֿאָלק

א קורצע יודישע געשיכטע

פֿאַר שול און היים

אין דריי טיילן

מיט בילדער פון גוסטאַוו דאָרע, א. ליליען און אַנדערע

ערשטער טייל

אַרויסגעגעבן פון

בילדונגס-קאָמיטעט פֿון אַרבעטער-רינג

ניו-יאָרק, נ. י.

אַרויסגעגעבן פון אַרבעטער־רינג בילדונגס־קאָמיטעט
מיט דער הילף פון דעם קאַפּלאַן־מעמאָריאַל־פּאָנד

לזכרון

דעם לאַנג־יאָריקן לערער פון די אַרבעטער־רינג־שולן

יצחק ה. קאַפּלאַן

נפטר געוואָרן, זונטיק, דעם 9־טן מאַי, 1943

קיצור פון קאַפּלאַנס ביאָגראַפיע

יצחק ה. קאַפּלאַן איז געבוירן געוואָרן אין דעם יאָר 1897 אינעם שטעטל נאָוואָסעליץ, בעסאַראַביע. נאָך גאָר יונגער־הייט האָט ער אַריינגעזאַפּט טראַדיציאָנעלע יידישקייט, זיך געלערנט אין חדרים און אין בית מדרש. אינעם יאָר 1913 האָט ער אויסגעוואַנדערט קיין קאַנאַדע וואו ער האָט שטודירט מיט גרויס התמדה שפּראַכן, פילאָזאָפיע און פּסיכאָלאָגיע. אין 1921 האָט ער גראַדואירט פון וויניפּעגער וועסלי קאָלעדזש און איבערגעגאַנגען אויף קורסן אין דעם מאַניטאָבא אוניווערסיטעט.

אין 1924 קומט ער קיין שיקאַגע און ווערט אַ לערער אין די אַרבעטער־רינג־שולן.

אין זיין גאַנצן באַוואוסטזיניקן לעבן איז ער געווען אַ ליבהאָבער פון ביכער. אין זיין ביבליאָטעק האָבן זיך געפונען די בעסטע יידישע און ענגלישע ווערק איבער פּעדאַגאָגיק, פילאָזאָפיע און פּסיכאָלאָגיע. זייענדיק אַליין אַ ליידנשאַפטלעכער למדן האָט ער אויך געהאַט אַ גרויסע השפּעה אויף גאַנצע קרייזן, יחידים, און במילא אויף דער יוגנט: במשך פון יאָרן האָט ער געחלומט פון אַ פאַסיקן טעקסט איבער יידישער געשיכטע פאַר די קינדער־שולן.

אונדזער פאָלק

פון

ח. באַרקאַן

ערשטער טייל

Copyright 1945
by
Farlag Arbeter-Ring
of the
Educational Committee
of the Workmen's Circle
New York, N. Y.

Printed in the U.S.A.
By the Grenich Ptg. Corp., N. Y.

166

פאָרוואָרט צו די לערערס

בעתן צונויפשטעלן דאָס געשיכטע בוך האָבן מיר אין זינען געהאַט אַרויסצושטעלן און אונטערצושטרייכן פיר הויפּט-מאָמענטן, וואָס כאַראַקטיזירן אונדז אַלס פאָלק:

1) די ממשלה פון גייסט.
2) די ייִדישע מאָראַל.
3) קידוש השם.
4) דער אייביקער, אומדערמידלעכער קאַמף פאַר נאַציאָנאַלער דערהאַלטונג.

אָט די פיר מאָמענטן מאַניפעסטירן אונדזער ספּעציפישן גייסט און כאַראַקטער און ציִען זיך דורך דער ייִדישער געשיכטע ווי אַ כאַראַקטעריסטישער שטריך פון אונדזער קיום. זיי דאַרפן דערפאַר, מיינען מיר, אַרויסגעשטעלט ווערן פאַר אונדזערע קינדער ווי די הויפּט ווירקונגס-כּוחות פון אונדזער עקסיסטענץ און פון אונדזער היסטאָרישן וועג איבער דער וועלט.

מיר האָבן אין אונדזער געשיכטע בוך בכיוון אויסגעלאָזט געוויסע פּערזענלעכקייטן, צייטן און פּאַסירונגען, ווי למשל: 1) אַזוינע, וואָס שפּילן ניט קיין באַזונדערס וויכטיקע ראָלע אין דער קייט פון פּאַסירונגען; 2) אַזוינע, וואָס זיינען שווער פאַר די יונגע קינדער צו באַנעמען; 3) אַזוינע, וואָס זיינען קליין מיט זייערע אויפטועך, און דינען אויך ניט אַלס סטימולירנדיקער כּוח צו דערהייבן דעם גייסט פון אונדזערע קינדער און צו דערוועקן אין זיי ליבע צו אונדזער פאָלק. מע דאַרף אויך זען דערגרייכן, אַז די קינדער זאָלן אין דער עלעמענטאַר-שול דורכגיין די גאַנצע ייִדישע געשיכטע, ביז — אָדער כּמעט ביז — דעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. האָבן מיר געגעבן דאָס מער וויכטיקע, און — בצמצום.

כּדי צו מאַכן דעם געשיכטע-לימוד אינטערעסאַנטער, בילדלעך-רייכער און מער אַפּעלירנדיק צום קינדס נשמה-וועלט, האָבן מיר צום געשיכטע-טעקסט צוגעגעבן די מעשיות פון חומש, און לעגענדעס. פאַרשטייט זיך, אַז אין ערשטן טייל, פאַר די שילערס פון די ייִנגערע קלאַסן, קומען די לעגענדעס אין אַ גרעסערער צאָל, ווי שפּעטער פאַר די עלטערע תּלמידים.

די איבונגען זײַנען ווייניק און גרינג, כּדי די קינדער זאָלן די אַרבעטן קענען טאָן און וועלן טאָן. די איבונגען דאַרפֿן העלפֿן פֿאַרגעדענקען די וויכטיקסטע פֿאַקטן פֿון דער געשיכטע.

מיר האָפֿן, אַז די לערערס וועלן זיך אויך באַנוצן מיט די פֿײַנע מאַפּעס און בילדער, כּדי צו אילוסטרירן און קלאָרער צו מאַכן פֿאַר אונדזערע קינדער אויף אַן עפֿעקטיוון אופֿן געוויסע וויכטיקע טיילן פֿון אונדזער געשיכטע.

איך וויל אויסדריקן אַ האַרציקן דאַנק דעם בילדונגס-דירעקטאָר פֿון אַרבעטער-רינג נ. כאַנין, וואָס האָט מיך דערמוטיקט די געשיכטע-אַרבעט אָנצושרײַבן און אַ יישר-כּוח פֿרײַנד י. קאַמינסקי פֿאַר זײַנע באַמיאונגען צו מאַכן דאָס בוך וואָס רײַכער און שענער.

דער מחבר

פאַר וואָס מיר דאַרפן לערנען די געשיכטע פון די יידן

1. יידן זײַנען אַן אַלט פאָלק

מיר הייבן איצט אָן לערנען יידישע געשיכטע, די געשיכטע פון אונדזער פאָלק.

יידן זײַנען זייער אַן אַלט פאָלק. יידן האָבן געלעבט אויף דער וועלט נאָך מיט טויזנטער יאָרן פריער, איידער קריסטאָפער קאָלאָמבוס האָט אַנטדעקט אַמעריקע; נאָך איידער עס זײַנען אויפגעקומען אַזעלכע פעלקער, ווי דײַטשן, פראַנצויזן, רוסן, אָדער ענגלענדער. יידן זײַנען מיט הונדערטער יאָרן עלטער פון די אַמאָליקע גריכן און רוימער.

דאָס יידישע פאָלק לעבט שוין טויזנטער יאָרן. מיט טויזנטער יאָרן צוריק זײַנען געווען נאָך פעלקער. אַ סך פון יענע פעלקער זײַנען שוין מער אויף דער וועלט נישטאָ. די יידן לעבן נאָך.

2. ווער זײַנען מיר?

יעדער פאָלק לעבט זיך זײַן אייגן לעבן. מיר יידן לעבן אויך אונדזער אייגן לעבן. מיר האָבן אונדזער אייגענע געשיכטע, וואָס איז טויזנטער יאָרן אַלט. מיר האָבן אונדזערע געזעצן. מיר האָבן אונדזער שפּראַך, אונדזער ליטעראַטור און אונדזערע שרײַבער. מיר האָבן אונדזערע פירערס און אונדזערע געלערנטע. מיר האָבן אונדזערע יום־טובים און אונדזערע מנהגים (מינהאָגים). מיר זײַנען אַנדערש ווי די שכנים, צווישן וועלכע מיר לעבן.

ווי אַזוי זײַנען מיר געוואָרן אַנדערש? וואו האָבן מיר געלעבט אין די טויזנטער יאָרן? ווי אַזוי האָבן מיר געלעבט? ווער זײַנען אונדזערע גרויסע העלדן? וואָס האָבן זיי פאַר

אונדז געטאָן? וואָס שטייט געשריבן אין דער תּורה און וואָס זײַנען אונדזערע ייִדישע געזעצן? וואָס האָבן מיר געשאַפֿן אין דער העברעיִשער שפּראַך, און וואָס האָט אונדז געגעבן די ייִדישע שפּראַך? וואָס פֿאַר אַ ליטעראַטור האָבן מיר און ווער זײַנען אירע שרײַבער? ווער זײַנען אונדזערע פֿירער און געלערנטע? וואָס האָבן זיי געטאָן פֿאַר אונדז? וועלכע זײַנען אונדזערע יום־טובֿים? פֿאַר וואָס און ווען פֿײַערן מיר זיי? פֿאַר וואָס האָבן מיר איצט ניט קיין אייגן לאַנד ווי אַמאָל? פֿאַר וואָס זײַנען מיר צעשפּרייט אין אַ סך לענדער?

אַן ענטפֿער אויף די פֿראַגעס גיט אונדז די ייִדישע געשיכטע, די געשיכטע פֿון אונדזער פֿאָלק. מיר וועלן זי איצט לערנען.

ענטפֿערט: יאָ, אָדער ניין.

1. דאָס ייִדישע פֿאָלק איז אַן אַלט פֿאָלק ________
2. אַמאָל זײַנען געווען נאָך פֿעלקער ________
3. אַלע פֿעלקער פֿון אַמאָל לעבן אויך הײַנט ________

ענטפֿערט אויף די פֿראַגעס:

1. איז די ייִדישע געשיכטע בלויז הונדערטער יאָרן אַלט?

____

2. האָבן מיר, ייִדן, אַן אייגן לאַנד, ווי אַנדערע פֿעלקער?

____

3. האָבן מיר אונדזערע גרויסע העלדן?

____

4. האָבן מיר אונדזער תּורה און אונדזערע געזעצן?

____

5. האָבן מיר אונדזער שפּראַך און אונדזער ליטעראַטור?

____

6. וואו קענען מיר לערנען וועגן די אַלע זאַכן?

____

קאַפּיטל I.

די יידן אין מדבר

1. די ערשטע יידן

דאָס ייִדישע לעבן האָט זיך אָנגעהויבן מיט פיר טויזנט יאָר צוריק.

די ערשטע ייִדן האָבן געלעבט אין אַראַבישן מדבר אין אַזיע. זיי זײַנען געווען פּאַסטעכער פון שאָף און רינדער. זיי האָבן געוואַנדערט פון אָרט צו אָרט, ווײַל זיי האָבן געזוכט גראָז פאַר זייערע שעפּסן און רינדער. לאַנג פאַרבלײַבן אויף איין אָרט האָבן זיי ניט געקענט. ווען די שאָף האָבן אויפ־געגעסן דאָס גראָז, האָבן די ייִדישע וואַנדערער זיך ווײַטער געלאָזט אין וועג אַרײַן.

געלעבט האָבן די ערשטע ייִדן אין איין גרויסער משפחה. דער עלטסטער פון דער משפחה איז געווען אַבֿרהם. דעריבער רופן מיר אַבֿרהמען ביז הײַנט: אַבֿרהם אונדזער פאָטער (אַבֿרהם אָבֿינו).

אַבֿרהמס משפחה איז געווען זייער אַ גרויסע. אַ משפחה אין יענער צײַט איז געווען אַ סך גרעסער ווי הײַנט. זי איז אָפט באַשטאַנען פון פינף הונדערט און אַפילו טויזנט מיטגלידער.

ווען די זין פלעגן חתונה האָבן, פלעגן זיי פאַרבלײַבן מיט זייערע פאָטערס. זייערע קינדער פלעגן, פאַרשטייט זיך, אויך פאַרבלײַבן מיט זיי. און אַזוי איז ביסלעכווײַז די משפחה געוואָרן אַלץ גרעסער און גרעסער. צו דער משפּחה האָבן אויך באַלאַנגט די קנעכט מיט זייערע קינדער. אָפט פלעגן זיך אָנשליסן אין דער משפחה אויך פרעמדע. אַזאַ גרויסע משפחה האָט מען גערופן שבֿט.

די ייִדישע פּאַסטעכער האָבן ניט געוואָלט שטענדיק וואַנדערן אין הייסן מדבר, זוכן גראָז און וואַסער פאַר די שאָף



און רינדער און אָפּט הונגערן. זיי האָבן געוואוסט, אַז אין די לענדער אַרום דעם אַראַבישן מדבר לעבט זיך די מענטשן בעסער. דאָרט האָבן די מענטשן שטענדיקע היימען און זייַנען ערד־אַרבעטער, פּויערים. האָבן זיי אויך געוואָלט לעבן ווי פּויערים.

וואָס האָבן זיי געטאָן? זיי האָבן געזען, אַז אַנדערע וואַנדערער פֿונעם אַראַבישן מדבר רייַסן זיך אַרייַן אין די אַרומיקע לענדער, האָבן זיי אויך אַזוי געטאָן. זיי האָבן זיך אַרייַנגעריסן אין דעם לאַנד כּנען. אָבער זיי האָבן ניט געקענט זיך באַזעצן אויף איין אָרט און ווערן פּויערים. די מענטשן פֿונעם לאַנד כּנען האָבן זיי ניט געלאָזט. האָבן זיי אַרומ־געוואַנדערט מיט זייערע שאָף און רינדער איבער די פֿעלדער און געוואַרט אויף בעסערע טעג.

דערווייַל איז אין כּנען געוואָרן אַ הונגער. האָבן די פּאַס־טעכער פֿון דעם ייִדישן שבֿט געזאָגט איינער צום צווייטן:
— „וואָס ווילן מיר אַרומוואַנדערן אין כּנען און הונגערן? מ'זאָגט, אַז אין דעם גרויסן לאַנד מצרַיִם (מיצרייַעם — עגיפּטן) איז דאָ ברויט. לאָמיר נעמען אונדזערע שאָף און רינדער און ווייַבער און קינדער, און אַראָפּגיין קיין מצרַיִם.“
און זיי האָבן אַזוי געטאָן.

2. אונדזערע אור־עלטערן

די אַלטע ייִדישע ביכער דערציילן וועגן די ערשטע ייִדן אַזוי:

אַ פֿאָטער האָט געהאַט דרייַ זין. דעם פֿאָטערס נאָמען איז געווען תּרח (טעראַך). איינער פֿון די דרייַ זין האָט גע־הייסן אַבֿרהם. אַבֿרהם איז געווען זייער אַ גוטער און אַ קלוגער.

מענטשן האָבן דעמאָלט געגלייבט אין געטער פֿון האָלץ און פֿון שטיין. זיי האָבן געמאַכט געטער פֿון האָלץ און פֿון שטיין און צו זיי געדינט. תּרח, אַבֿרהמס פֿאָטער, האָט אויך אַזוי געטאָן. אָבער דער קלוגער אַבֿרהם האָט געזאָגט:

— „ניין! האָלץ און שטיין קענען ניט זײַן קיין גאָט. איך וועל צו די געטער פֿון האָלץ און שטיין ניט דינען. עס איז דאָ נאָר איין גאָט. ער האָט באַשאַפֿן הימל און ערד און יעדע זאַך. אָבער דעם גאָט קען אַ מענטש ניט זען."

און אַבֿרהם האָט געדינט דעם איינציקן גאָט יהוה (יאַווע), און ער האָט זײַן גלויבן איבערגעגעבן צו זײַנע קינדער און קינדס־קינדער. זיי האָבן איבערגענומען פֿון אים דעם גלויבן אין דעם איינציקן גאָט יהוה (יאַווע) און איבערגעגעבן צו זייערע קינדער. דערפֿאַר רופֿן מיר אַבֿרהמען „דער ערשטער ייִד".

און גאָט האָט געזאָגט צו אַבֿרהמען:

— „גיי דיר אַוועק פֿון דײַן לאַנד און פֿון דײַן פֿאָטערס

אַבֿרהם האָט גענומען זײַן ווײַב, זײַנע שאָף און רינדער
און האָט אַראָפּגענידערט קיין כּנען

הויז, צו דעם לאַנד וואָס איך וועל דיר ווײַזן. און איך וועל דיך מאַכן פֿאַר אַ גרויס פֿאָלק."

האָט אַבֿרהם אַזוי געטאָן. ער האָט גענומען זײַן ווײַב שׂרה (סאָרע) און איז אַראָפּגעגאַנגען קיין כּנען. אין כּנען איז ער געוואָרן רײַך. ער האָט געהאַט שאָף און רינדער און גאָלד און זילבער. און גאָט האָט ווידער גערעדט צו אים, און האָט אים צוגעזאָגט, אַז ער וועט געבן דאָס לאַנד כּנען צו אים און צו זײַנע קינדער.

נאָך דעם האָט אַבֿרהמס ווײַב שׂרה געבאָרן אַ זון יִצחק (ייִצכאָק). יִצחקס ווײַב רבֿקה (ריווקע) האָט געבאָרן צוויי זין: עשׂו (אייסעוו) און יעקבֿ (יאַקעוו). יעקבֿס צוויי פֿרויען רחל (ראָכעל) און לאה (לייע) האָבן געבאָרן צוועלף זין.

איינער פֿון די צוועלף זין איז געווען יוסף (יויסעף). די ברידער האָבן יוספֿן ניט ליב געהאַט. זיי האָבן זיך געקריגט מיט אים. איין מאָל זײַנען זיי געווען מיט אים אין פֿעלד. זײַנען פֿאַרבײַגעפֿאָרן מענטשן, וואָס זײַנען געפֿאָרן קיין מצרים. האָבן די ברידער פֿאַרקויפֿט יוספֿן צו די מענטשן פֿון מצרים.

יוסף איז געווען זייער אַ קלוגער. איין מאָל האָט פּרעה, דער קיניג פֿון מצרים, געהאַט אַ שלעכטן חלום. איז יוסף געקומען אין קיניגס פּאַלאַץ און האָט געזאָגט דעם קיניג וואָס דער חלום באַטײַט. האָט דער קיניג געזען ווי קלוג יוסף איז און אים באַשטימט פֿאַר דעם אייבערהאַר פֿון גאַנצן לאַנד.

שפּעטער איז געוואָרן אַ הונגער אין כּנען. איז יעקבֿ מיט זײַנע אַנדערע עלף זין און זייערע פֿאַמיליעס אַראָפּגעקומען קיין מצרים.

פֿון יעקבֿס צוועלף זין זײַנען אַרויסגעקומען די צוועלף שבֿטים פֿון די ייִדן.

די ערשטע פּאַטערס פון די ייִדן זײַנען געווען אַבֿרהם, יצחק און יעקבֿ. אַבֿרהם, יצחק און יעקבֿ זײַנען געווען די אור־עלטערן פֿון דעם ייִדישן פֿאָלק.

פּילט אוים די ליידיקע ערטער:

1. די ערשטע ייִדן האָבן געוואָנדערט אין ——————
2. זיי האָבן געהאַט שאָף און רינדער און זײַנען געווען ———
3. זיי האָבן געוואָלט האָבן אַ שטענדיקע היים און זײַן———
4. זיי האָבן זיך אַרײַנגעריסן אין דעם לאַנד ——————
5. איין מאָל אין אַ הונגער־יאָר זײַנען זיי אַראָפּגעגאַנגען קיין ——————

לאָמיר דאָס געדענקען:

1. די ייִדן רופֿן אַבֿרהמען „דער ערשטער ייִד."
2. אַבֿרהם, יצחק און יעקבֿ האָבן געלעבט אין כּנען.
3. יעקבֿ און זײַנע זין זײַנען אַראָפּגעגאַנגען פֿון כּנען קיין מצרים.
4. יעקבֿס זון, יוסף, איז געוואָרן אין מצרים דער איבער־האַר פֿון לאַנד.
5. אַבֿרהם, יצחק און יעקבֿ זײַנען די אור־עלטערן פֿונעם ייִדישן פֿאָלק.

אַבֿרהם און דער שׂטן (סאָטן)

(לעגענדע)

א.

אַבֿרהם איז געווען דער ערשטער מענטש, וואָס האָט געגלייבט אין גאָט. האָט גאָט געוואָלט זען צי אַבֿרהם גלייבט אין אים מיטן גאַנצן האַרצן. האָט ער צו אים געזאָגט:

— „הער, אַבֿרהם, דו האָסט איין־איינציקן זון יצחק. גיי צו דעם באַרג מוריה (מויריע) און ברענג אים דאָרט צו מיר פֿאַר אַ קרבן (קאָרבן)."

האָט אַבֿרהם אַזוי געטאָן. ער האָט גענומען אַ מעסער, פֿייער און האָלץ, און ער איז געגאַנגען מיט יִצחקן צום באַרג מוריה.

האָט יִצחק זיך אָפּגערופֿן צו זײַן פֿאָטער אַבֿרהמען און האָט געזאָגט:

— „מײַן פֿאָטער!"

האָט ער געענטפֿערט: „דאָ בין איך, מײַן זון!"

האָט ער געזאָגט: „אָט איז דאָס פֿײַער און דאָס האָלץ און וואו איז דאָס לעמעלע פֿאַר אַ קרבן?"

האָט אַבֿרהם געזאָגט:

— „גאָט וועט זיך שוין אויסזוכן אַ לעמעלע פֿאַר אַ קרבן, מײַן זון!"

אַבֿרהם פֿירט יִצחקן צו דער עקדה (אַקיידע)

ב.

אויפן וועג האָט אַבֿרהמען באַגעגנט דער שטן, פֿאַר־שטעלט ווי אַן אַלטער מאַן.

— „וואוהין גייסטו, אַבֿרהם?“ — האָט דער שטן גע־פֿרעגט.

— „איך גיי לערנען“, — האָט אַבֿרהם געענטפֿערט.

— „לערנען?“ — האָט דער שטן איבערגעפֿרעגט, — „וואָס זשע טראָגסטו אַ מעסער און האָלץ? דו מיינסט, אַבֿרהם, אַז איך ווייס ניט אַז דו גייסט ברענגען פֿאַר אַ קרבן דיַין זון יצחק?... אוי, דו נאַר! דו האָסט אַן איין־איינציקן זון, גייסטו אים ברענגען פֿאַר אַ קרבן?...“

— „יאָ“, — האָט געענטפֿערט אַבֿרהם, — „אַזוי האָט מיר גאָט געזאָגט, און אַזוי וועל איך טאָן.“

אַז דער שטן האָט געזען, אַז אַבֿרהם הערט אים ניט, איז ער אַוועק. ער איז געוואָרן אַ שיינער, פֿריילעכער בחור, און איז צוגעקומען צו יצחקן.

— „וואוהין גייסטו, יצחק?“

— „איך גיי וואוהין מיַין טאַטע גייט,“ — האָט יצחק געענטפֿערט.

— „אָבער דו זעסט דאָס מעסער און דאָס האָלץ?“ — האָט דער שטן וויַיטער גערעדט. — „דיַין טאַטע גייט דיך ברענגען פֿאַר אַ קרבן. און דו ביסט נאָך אַזוי יונג, יצחק. לויף אַהיים!...“

האָט יצחק אַ ציטער געטאָן און געזאָגט צום פֿאָטער:

— „טאַטע, דו הערסט וואָס דער יונגער בחור רעדט צו מיר?“

— „הער אים ניט, מיַין זון“, — האָט אַבֿרהם געענט־פֿערט, — „דאָס איז דער שטן, ער וויל אונדז שלעכטס טאָן.“

— „גיי אַוועק פֿון מיר!“ — האָט יצחק אַ געשריי געטאָן צום שטן. — „ביסט אַ שלעכטער. איך וועל טאָן אַלץ וואָס מיַין פֿאָטער וועט מיר זאָגן.“

40
45
(מעסאָפּאָטאַמיע)
35
25
מאַפּע פֿון
אַלטן מִזרח
1:12 000 000

מיטללענדישער ים
לאנד לוב (ליביען)
צור
עכו
שכם
יריחו
ירושלים
בצרה
סלע
אילת
ים סוף
30
35
25

ג.

איז דער שטן אַוועק. ער איז געוואָרן אַ גרויסער, טיפער טײַך, און האָט זיך צעגאָסן אויפֿן וועג וואו אַברהם און יִצחק האָבן געדאַרפֿט פֿאַרבײַגיין.

אַברהם האָט זיך אָבער פֿאַרן טײַך נִיט אָפּגעשראָקן. ער איז אַרײַן אין טיפֿן וואַסער און געהייסן יִצחקן ער זאָל אים נאָכגיין. זײַנען זיי געגאַנגען אין טײַך טיפֿער און טיפֿער ביז דאָס וואַסער האָט דערגרייכט צום האַלדז. האָט אַברהם געטראַכט: איך וועל גיין ווײַטער, איך מוז גיין וואו גאָט האָט מיך געשיקט.

אַז גאָט האָט געזען, אַז אַברהם וועט באַלד דערטרונקען ווערן, האָט ער אָנגעשריִען אויפֿן שטן און דער טײַך האָט באַלד אויסגעטריקנט, און אַברהם און יִצחק זײַנען געקומען צום באַרג מוריה.

ד.

אַברהם האָט אויפֿגעבויט אַ מזבח (מיזבייאַך) פֿון שטיי־נער, אויסגעלייגט דאָס האָלץ, געבונדן זײַן זון יִצחקן און אים אַרויפֿגעלייגט אויפֿן מזבח, איבערן האָלץ.

אַברהם האָט געקוקט אויף זײַן זון און פֿון זײַנע אויגן זײַנען גערונען הייסע טרערן. אָבער דאָ האָט ער אַ טראַכט געטאָן, אַז ער טוט אַלץ צוליב זײַן גלויבן, און ער האָט גענומען דאָס מעסער אין האַנט.

— „אַברהם, אַברהם!" — האָט אַברהם דערהערט אַ שטים פֿון דער הייך, — „זאָלסט ניט טאָן דײַן זון קיין שלעכטס! גאָט האָט נאָר געוואָלט זען, צי דו גלייבסט אין אים מיטן גאַנצן האַרצן, אָבער ער וויל ניט דײַן זון פֿאַר אַ קרבן; ער וויל ניט מ׳זאָל פֿאַרגיסן בלוט פֿון מענטשן!"

און גאָט האָט געבענטשט אַברהמען אַז פֿון אים וועט אַרויסקומען אַ גרויס פֿאָלק, וואָס וועט זײַן אַזוי פֿיל ווי די שטערן אין הימל, וואָס מ׳קען נישט איבערציילן און ווי דאָס זאַמד אויפֿן ברעג פֿון ים!

אַבֿרהם דער מכנים־אורח (מאַכנים אוירעך)

(לעגענדע)

דער ערשטער ייִד אַבֿרהם האָט זייער ליב געהאַט געסט, ער איז געווען זייער אַ גאַסטפֿרייַנדלעכער. ער האָט געהאַט אַ סך דינערס און אַ סך געצעלטן אין פֿעלד. האָט ער ליב געהאַט צו פֿאַרבעטן אין די געצעלטן פֿרעמדע מענטשן, זיי געבן עסן און טרינקען און אַן אָרט וואו זיך אָפּצורוען.

ער איז געווען אַ גרויסער מכנים־אורח.

האָט אַבֿרהם געזאָגט צו זײַנע דינערס אַזוי:

— „הערט, ליבע מענטשן. ווען איר זעט אויפֿן וועג אַ פֿרעמדן, אַ וואַנדערער, זאָלט איר אים העלפֿן. דער וואַנ־דערער איז מיד פֿון זײַן וואַנדערוועג און ער קען ניט אַרומגיין זוכן הילף. ער איז אויך אַ פֿרעמדער, און ער ווייס ניט וואו צו זוכן הילף. זאָלט איר דעם פֿרעמדן גיין אַנטקעגן. איר זאָלט אים פֿאַרבעטן אין געצעלט אַרײַן, אים שטילן זײַן הונגער און זײַן דורשט, און אים געבן אַן אָרט פֿאַר זײַן מידן קאָפּ."

און די דינערס האָבן אַזוי געטאָן.

אין יעדן געצעלט האָט אַבֿרהם געמאַכט פֿיר טירן: אַ טיר צו צפֿון, אַ טיר צו דרום, אַ טיר צו מזרח און אַ טיר צו מערבֿ. די טירן זײַנען אַלע מאָל געשטאַנען אָפֿן. איז פֿון וועלכער זײַט אַ פֿרעמדער מענטש איז אָנגעקומען, האָט ער געקענט זען אַן אָפֿענע טיר, אַזוי ווי עמעצער וואָלט גע־שטאַנען און געבעטן:

— „קום אַרײַן, מידער וואַנדערער."

איין מאָל איז אַבֿרהם געווען עטלעכע טעג קראַנק. ווען ער האָט זיך דערפֿילט אַ ביסל בעסער, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט בײַ דער טיר פֿון זײַן געצעלט קעגן דער זון, און האָט אַוועקגעקוקט אין דער ווײַט.

האָט ער דערזעען ווי עס גייען אויפן וועג דריי מענטשן. די מענטשן גייען אַוועק ווייטער און ווייטער. האָט אַבֿרהם שוואַכערהייט זיך אויפגעהויבן און איז געלאָפן צו זיי און געזאָגט:

— „איך בעט אײַך, ליבע מענטשן, גייט ניט אַוועק ווייטער. קומט פֿריער צו מײַן געצעלט, וואַשט זיך אָרום און עסט און טרינקט עפּעס. און דער טאָג איז הײַנט זייער אַ הייסער, וועט איר זיך צושפּאַרן אונטער אַ בוים און זיך אָפּרוען."

זײַנען די דריי מענטשן געקומען צו אַבֿרהמס געצעלט, און האָבן זיך צוגעזעצט אין שאָטן פֿון אַ גרויסן בוים. און אַבֿרהם איז געלאָפֿן צו זײַן ווײַב און זי האָט געבאַקן קוכנס. אַבֿרהם האָט אויך געקוילעט אַ קעלבל, האָט עס אָפּגעקאָכט און געגעבן די געסט. די גאַנצע צײַט וואָס די געסט האָבן געגעסן, איז אַבֿרהם פֿאַר זיי געשטאַנען און זיי באַדינט. און אַז זיי האָבן אָפּגעגעסן, האָט ער פֿאַר זיי געמאַכט אַ גע־לעגער אין זײַן געצעלט און זיי האָבן זיך אויסגערוט פֿון זייער ווײַטן, שווערן וועג.

די שלעכטע שטאָט סדום (סדוים)

א.

אין דעם לאַנד, וואו עס האָט געלעבט דער ערשטער ייִד אַבֿרהם, איז געווען אַ שטאָט סדום. די מענטשן פֿון סדום זײַנען געווען זייער שלעכט. זיי האָבן זיך אַלע מאָל געקריגט. זיי האָבן איינער דעם צווייטן געשלאָגן און באַרויבט. זיי האָבן ניט געהאָלפֿן קיין אָרעמאַן. זיי האָבן נאָר געטאָן שלעכטס.

די מענטשן פֿון דער שטאָט סדום זײַנען געווען אַזוי שלעכט, אַז מען דערציילט וועגן זייער שלעכטסקייט אַלער־ליי מעשׂיות:

אַז אַ פּרעמדער מענטש איז געקומען קיין סדום מיט סחורה (סכוירע), האָבן אים די מענטשן פֿון שטאָט אַרומ־געריגגלט און האָבן די סחורה צעכאַפּט. יעדער איינער האָט געכאַפּט אַ ביסל און איז אַנטלאָפֿן. ביז ס'איז גאָרניט געבליבן. האָט דער סוחר אָנגעהויבן צו שרײַען און וויינען און זיך קריגן מיט זיי:

— „געוואַלד, מענטשן, וואָס האָט איר געטאָן? פֿאַר וואָס האָט איר מיך באַרויבט? פֿאַר וואָס קומט עס מיר?"

זײַנען די מענטשן ווידער צוגעגאַנגען צו אים און האָבן אים געוויזן זײַן סחורה, און האָבן געלאַכט און זיך גערייצט מיט אים:

— „וואָס שרײַסטו?" — האָט יעדער איינער געלאַכט מיט אַ ווילד געלעכטער, — „איך האָב צוגענומען דײַן סחורה? זע, איך האָב דאָך נאָר גענומען אַ ביסל! וואָס זעט זיך דאָס אָן?..."

נאָך דעם האָבן זיי גענומען שרײַען און טומלען, און זיי האָבן דעם סוחר אַרויסגעטריבן פֿון שטאָט מיט שפּאָט און מיט ווילדע געלעכטערס. און דער פּרעמדער איז אַוועק מיט אַ ביטער האַרץ.

ב.

און אין סדום זײַנען געווען עטלעכע ריכטער. זײַנען זיי געווען שלעכט ווי אַלע אײַנוואוינערס פֿון סדום. האָבן זיי גע־הייסן מאַכן בעטלעך אין אַלע גאַסן פֿון שטאָט. אַז ס'איז אַרײַנ־געקומען אין שטאָט אַ פּרעמדער מענטש, האָט מען אים מיט געוואַלד אַרויפֿגעלייגט אויף אַ בעטל. אויב דער פּרעמדער איז געווען צו לאַנג, האָבן דרײַ מענטשן זיך געשטעלט צו־קאָפּנס און דרײַ מענטשן צופֿוסנס און זיי האָבן דעם קערפּער צונויפֿגעקוועטשט. אויב דער פּרעמדער איז געווען צו קורץ, האָבן אים די זעקס מענטשן אויסגעצויגן.

ג.

אַז עס פֿלעגט קומען אין שטאָט אַרײַן אַ פֿרעמדער אָרעמאַן, האָבן זײ אים געגעבן אַ ביסל געלט, אָבער קײנער האָט אים ניט געוואָלט פֿאַרקויפֿן קײן עסן. און פֿון דער שטאָט האָט מען אים אויך ניט אַרויסגעלאָזט. איז דער אָרעמאַן אַרומגעגאַנגען אַ טאָג און צוויי און דרײַ, און האָט ניט געקענט געפֿינען קײן שפּײַז, ביז ער איז געשטאָרבן. און אַז דער פֿרעמדער אָרעמאַן איז געשטאָרבן זײַנען געקומען די שטאָט־לייט, וואָס האָבן אים געגעבן געלט, האָבן אים באַזוכט אין די קעשענעס און האָבן צוריקגענומען דאָס געלט.

ד.

אײן מאָל איז געקומען קײן סדום אַן אָרעמאַן. האָבן די אײַנוואוינער פֿון סדום אויסגערופֿן איבער דער שטאָט, אַז קײנער זאָל דעם אָרעמאַן ניט געבן קײן שטיקל ברויט, ביז ער וועט שטאַרבן.

און אין סדום איז געווען אַ יונגע פֿרוי, זייער אַ גוטע. האָט זי געגעבן דעם אָרעמאַן עסן און טרינקען, אַז קײנער זאָל ניט וויסן. ווי אַזוי? יעדן פֿרימאָרגן, ווען זי איז געגאַנגען מיטן קרוג צום קוואַל נאָך וואַסער, האָט זי אין קרוג אַרײַנגעלייגט אַ שטיקל ברויט. ווען זי איז פֿאַרבײַגעגאַנגען דעם אָרעמאַן, האָט זי עס אים דערלאַנגט.

אַז עס זײַנען אַריבער אַ סך טעג, האָבן זיך די סדום־לײַט געוואונדערט: „ווי אַזוי לעבט ער נאָך, דער פֿרעמדער אָרעמאַן?" זײַנען געגאַנגען דרײַ פֿון זייערע מענטשן און האָבן זיך באַהאַלטן לעבן דעם אָרט, וואו עס איז געזעסן דער אָרעמאַן. דערווײַל איז פֿאַרבײַגעגאַנגען די גוטע יונגע פֿרוי און האָט אויף גיך דערלאַנגט דעם אָרעמאַן אַ שטיקל ברויט. האָבן די דרײַ מענטשן זי געכאַפּט און האָבן זי געבראַכט צום ריכטער.

האָט דער ריכטער געהייסן, אַז מ'זאָל זי פֿאַרברענען. און די סדום־לײַט האָבן אַזוי געטאָן.

ה.

און איין מאָל איז געקומען קיין סדום אַ מאַן פֿון אַן אַנדער שטאָט. ער איז אַרומגעגאַנגען אין שטאָט, ביז ער איז געוואָרן הונגעריק. גייט ער פֿאַרבײַ אַ הויז און זעט ווי אַ מיידל זיצט אויף דער שוועל פֿון דער אָפֿענער טיר. בעט ער איר: „גוטע פֿרוי, גיב מיר אַ שטיקל ברויט און אַ ביסל וואַסער." האָט די מיידל דאָס געטאָן. אַז די סדום־לײַט זײַנען דערפֿון געוואויר געוואָרן, האָבן זיי דאָס מיידל באַשמירט מיט האָניק און זי אַוועקגעשטעלט צווישן בינען. אַז די בינען האָבן זי גענומען שטעכן, האָט די מיידל שטאַרק געשריִען, אָבער די סדום־לײַט האָבן געלאַכט ביז די מיידל איז געשטאָרבן.

און די געוויינען און געשרייען פֿון די מענטשן, וואָס זײַנען פֿאַרפּײַניקט געוואָרן פֿון די שלעכטע סדום־לײַט, זײַנען אַרויפֿגעגאַנגען צום הימל. און גאָט האָט געהערט דאָס געשריי און האָט געוואָלט די שלעכטע מענטשן באַשטראָפֿן.

דער גוטער אברהם

האָט גאָט געוואָלט די שלעכטע שטאָט סדום פֿאַרברענען און ער האָט געזאָגט צו אבֿרהמען:

— אבֿרהם, די געשרייען פֿון סדום זײַנען שוין צו פֿיל, איך וועל אַראָפּגיין צו די מענטשן און זיי אומברענגען.

איז אבֿרהם געוואָרן זייער טרויעריק. ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט אין פֿעלד פֿאַר גאָט און אָנגעהויבן בעטן:

— „איך בעט דיך, גאָט, פֿאַרברען ניט די שלעכטע שטאָט. לאָז לעבן די שלעכטע מענטשן צוליב די גוטע. אפֿשר

זײַנען דאָ אין סדום פֿופֿציק צדיקים (צאַדיקים — זייער גוטע מענטשן) — בעט איך דיך: פֿאַרגיב אַלעמען צוליב די פֿופֿציק צדיקים..."

— „גוט", — האָט גאָט געענטפֿערט. — „אויב עס װעלן זײַן אין סדום פֿופֿציק צדיקים, װעל איך צוליב זיי אַ ל ע מ ע ן פֿאַרגעבן."

האָט אבֿרהם װײַטער געזאָגט:

— „זאָל דיך ניט פֿאַרדריסן, מײַן גאָט. אפֿשר װעלן נאָר זײַן פֿינף און פֿערציק צדיקים? װעסטו ניט פֿאַרגעבן אַלעמען צוליב זיי?"

— „גוט", — האָט גאָט געענטפֿערט. — „איך װעל אַלעמען פֿאַרגעבן אויב עס װעלן זײַן נאָר פֿינף און פֿערציק צדיקים אין סדום."

אָבער אבֿרהם האָט ניט געװאָלט, אַז גאָט זאָל אומברענגען די שטאָט אַפֿילו װען די מענטשן זײַנען שלעכט. האָט ער װײַטער גערעדט:

— „איך בעט דיך, גאָט. אפֿשר װעלן בלויז זײַן פֿערציק צדיקים — לאָז אַלעמען לעבן צוליב די גוטע פֿערציק.

און גאָט האָט אים װײַטער נאָכגעגעבן.

אַזוי האָט דער גוטער אבֿרהם געהאַלטן אין איין בעטן, ביז ער האָט אויסגעבעטן בײַ גאָט, אַז די שטאָט זאָל בלײַבן לעבן אויב עס װעלן אַפֿילו זײַן ניט מער װי צען צדיקים.

נאָך דעם איז אבֿרהם צוריקגעגאַנגען צו זײַן געצעלט. ער איז געגאַנגען מיט דער האָפֿענונג אין האַרצן, אַז אין סדום זײַנען דאָ כאָטש צען צדיקים און די שטאָט װעט בלײַבן לעבן.

אָבער אין דער שלעכטער שטאָט סדום זײַנען אַפֿילו קיין צען גוטע מענטשן ניט געװען. דאַן האָט גאָט אַראָפּגעשיקט אַ מלאך און ער האָט די שטאָט פֿאַרברענט.

די מעשה פֿון יוספֿן מיט זײַנע ברידער

פֿון חומש

די ברידער פֿאַרקויפֿן יוספֿן פֿאַר אַ שקלאַף

יעקבֿ און זײַן הויזגעזינד זײַנען געזעסן אין דעם לאַנד כנען.

יעקבֿ האָט געהאַט צוועלף זין. זיי זײַנען געווען פּאַסטעכער, און האָבן געפּאַשעט די שאָף פֿון זייער פֿאָטער. יעקבֿ האָט ליב געהאַט זײַנע זין. אָבער מער פֿון אַלע האָט ער ליב געהאַט דעם שיינעם און קלוגן יוספֿן.

אַז די ברידער האָבן געזען, אַז דער פֿאָטער האָט ליב יוספֿן מער פֿון זיי אַלע, האָבן זיי אים פֿײַנט געקראָגן.

און יוסף האָט אָפֿט געחלומט חלומות, אַז ער וועט הערשן איבער זײַנע ברידער. איין מאָל האָט זיך אים געחלומט, אַז ער און זײַנע ברידער בינדן גאַרבן אין פֿעלד. פּלוצעם זײַנען אויפֿגעשטאַנען די גאַרבן פֿון זײַנע ברידער און האָבן זיך געבוקט צו זײַן גאַרב. אַן אַנדערס מאָל האָט זיך אים געחלומט, אַז די זון, די לבֿנה און עלף שטערן בוקן זיך צו אים — דאָס הייסט, אַז זײַן פֿאָטער און מוטער און זײַנע עלף ברידער בוקן זיך צו אים, ווי צו אַ הערשער.

האָבן די ברידער אים נאָך מער פֿײַנט געקראָגן.

איין מאָל זײַנען יוספֿס ברידער געווען אין פֿעלד, ווײַט פֿון דער היים. האָט יעקבֿ געשיקט יוספֿן, אַז ער זאָל גיין זען וואו עס זײַנען זײַנע ברידער און וואָס זיי טוען. איז יוסף געגאַנגען.

אַז די ברידער האָבן אים דערזען פֿון דער ווײַטנס, האָבן זיי געזאָגט איינער צום צווייטן:

— „אָט גייט אונדזער ברודער וואָס חלומט חלומות אַז ער וועט הערשן איבער אונדז. לאָמיר אים הרגענען און

מיר וועלן זאָגן אונדזער פֿאָטער, אַז אַ בייזע חיה האָט אים אויפֿגעגעסן."

אָבער דער עלטסטער ברודער האָט זיך אָפּגערופֿן:

— „ניין, ברידער, לאָמיר ניט פֿאַרגיסן קיין בלוט. לאָמיר אים בעסער אַרײַנוואַרפֿן אין אַ גרוב, און וואָס ס'וועט זײַן מיט אים, וועט זײַן."

האָבן זיי אַזוי געטאָן.

אַז יוסף איז צוגעקומען האָבן זיי אַראָפּגעריסן פֿון אים זײַן געשטרייפֿט העמדל און אים אַרײַנגעוואָרפֿן אין אַ טיפֿער גרוב אַרײַן, און זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט עסן. אין מיטן עסן דערזעען זיי, אַז עס קומען אָן פֿון ווײַטן אַראַבער מיט אַ קאַראַוואַן קעמלען, און זיי גייען קיין מצרים.

זאָגט איינער פֿון זיי:

— „לאָמיר ניט אומברענגען אונדזער ברודער. לאָמיר אים פֿאַרקויפֿן צו די אַראַבער."

האָבן זיי אַזוי געטאָן. זיי האָבן אים פֿאַרקויפֿט פֿאַר צוואַנציק זילבערשטיק. און די אַראַבער האָבן אַראָפּגעפֿירט יוספֿן קיין מצרים.

און די ברידער האָבן גענומען יוספֿס העמדל און האָבן עס אײַנגעטונקט אין בלוט פֿון אַ יונג ציגעלע, וואָס זיי האָבן געקוילעט, און זיי האָבן עס געבראַכט צו זייער פֿאָטער און געזאָגט:

— „אָט דאָס האָבן מיר געפֿונען. דערקען נאָר, איז עס דײַן זונס העמדל, אָדער ניט!"

האָט עס יעקבֿ באַלד דערקענט, און ער האָט געזאָגט:

— „יאָ, דאָס איז מײַן זונס העמדל! אַ בייזע חיה האָט אים אויפֿגעגעסן!"

און יעקבֿ האָט צעריסן זײַנע קליידער, און האָט געטרויערט נאָך זײַן זון פֿיל טעג.



די ברידער פֿאַרקויפֿן יוספֿן פֿאַר אַ קנעכט

יוסף ווערט אַ הערשער אין מצרים

די סוחרים, וואָס האָבן געקויפֿט יוספֿן בײַ זײַנע ברידער, האָבן אים געבראַכט קיין מצרים. דאָ האָבן זיי אים פֿאַר־קויפֿט צו אַ רײַכן מאַן, וואָס איז געווען אַ באַאַמטער בײַם קיניג פּרעה.

יוסף איז געווען זייער אַ קלוגער. וואָס ער האָט געטאָן

איז אַרויסגעקומען גוט. האָט זײַן רײַכער באַלעבאָס אים גע־מאַכט פֿאַרן אויפֿזעער פֿון זײַנע הײַזער און זײַן גאַנץ פֿאַרמעגן.

איין מאָל איז דער קיניגלעכער באַאַמטער געוואָרן אין כּעס אויף אים, און האָט אים אַרײַנגעוואָרפֿן אין טורמע.

אָבער אויך אין טורמע האָבן אַלע דערקענט, אַז ער איז זייער קלוג. האָבן דאָרט די מענטשן אים ליב געהאַט, און האָבן אָפֿט געפֿרעגט בײַ אים עצות (אייצעס).

צוזאַמען מיט יוספֿן זײַנען אויך געווען צוויי קיניגלעכע באַדינערס, וואָס פּרעה, דער קיניג פֿון מצרים, האָט אַרײַנ־געוואָרפֿן אין טורמע. איינער פֿון זיי פֿלעגט באַקן פֿאַרן קיניג געבעקס, און דער צווייטער פֿלעגט דערלאַנגען דעם קיניג זײַנע געטראַנקען. איין מאָל אין אַ פֿרימאָרגן זײַנען זיי אויפֿ־געשטאַנען פֿון שלאָף און זײַנען געווען זייער טרויעריק. זיי האָבן דערציילט יוספֿן זייערע חלומות (כאַלוימעס), וואָס זיי האָבן בײַנאַכט געחלומט. יוסף האָט זיי דערקלערט זייערע חלומות, און אַזוי ווי ער האָט זיי געזאָגט, אַזוי איז געווען: דעם בעקער האָט דער קיניג געטייט, און דעם געטראַנק־מײַסטער האָט ער צוריקגעגעבן זײַן אָרט אין קיניגלעכן פּאַלאַץ.

איין מאָל האָט זיך פּרעהן, דעם קיניג פֿון מצרים, גע־חלומט אַ חלום, און קיינער פֿון די קלוגע לײַט האָט ניט גע־קענט דעם חלום דערקלערן. האָט דער געטראַנק־מײַסטער דערציילט דעם קיניג וועגן דעם קלוגן יוספֿן. און יוסף איז געבראַכט געוואָרן פֿאַר פּרעהן. האָט פּרעה געזאָגט צו יוספֿן:

— „הער, יוסף. עס האָט זיך מיר געחלומט אַזאַ חלום: פֿון אַ טײַך גייען אַרויס זיבן פֿעטע קי, און נאָך זיי גייען אַרויס זיבן מאָגערע קי. האָבן די זיבן מאָגערע קי אויפֿגעגעסן די זיבן פֿעטע קי. וואָס זאָל דאָס באַדײַטן?

האָט יוסף אַ ווײַלע געטראַכט און האָט געענטפֿערט:

— „די זיבן פֿעטע קי זײַנען זיבן גוטע יאָר און די זיבן מאָגערע קי זײַנען זיבן הונגער־יאָר. אין לאַנד מצרים וועלן זײַן זיבן גוטע יאָר מיט אַלדעס גוטס. אָבער נאָך דעם וועלן קומען זיבן שלעכטע יאָר. עס וועט ניט זײַן קיין ברויט, און די מענטשן וועלן הונגערן. און איצט, אויב דו ווילסט מיך פֿאָלגן, קיניג, געפֿין אַ קלוגן מענטשן וואָס זאָל זײַן דער אויפֿזעער איבערן שפּײַז און זאָל ראַטעווען דאָס לאַנד פֿון הונגער.״

האָט פּרעה געענטפֿערט:

— „דו, יוסף, ביסט דער קלוגער מענטש. דיך מאַך איך פֿאַר דעם עלטסטן איבערן לאַנד מצרים און דו וועסט ראַטעווען דאָס לאַנד פֿון די זיבן הונגער־יאָר.

יוסף דערקלערט פּרעהס חלום



יוספֿס ברידער קומען קיין מצרים קויפֿן ברויט

יוסף איז געוואָרן אַ הערשער אין לאַנד מצרים. זײַן פֿאָטער יעקבֿ האָט פֿון דעם ניט געוואוסט. יעקבֿ האָט געמיינט, אַז יוסף איז טויט. ער און זײַנע זין זײַנען געזעסן אין לאַנד כּנען.

און אין לאַנד כּנען און אין די לענדער אַרום כּנען איז געווען אַ הונגער. נאָר אין מצרים איז געווען ברויט, ווײַל יוסף האָט אין די זיבן גוטע יאָר צוגעגרייט ברויט אויף די זיבן שלעכטע יאָר.

האָט יעקבֿ געזאָגט צו זײַנע זין:

— „מיר האָבן שוין באַלד ניט קיין ברויט. איך האָב געהערט, אַז עס איז דאָ ברויט אין מצרים. גייט אַהין און קויפֿט דאָרטן ברויט כּדי מיר זאָלן לעבן און ניט שטאַרבן.״

האָבן די ברידער, וואָס האָבן שוין מערניט געקענט צוזען ווי זייער פֿאָטער הערט ניט אויף צו טרויערן נאָך יוספֿן, געטראַכט: איצט וועלן מיר קענען געפֿינען אונדזער ברודער, יוספֿן, אים צוריקברענגען און מיר וועלן טרייסטן און באַרויִקן אונדזער אַלטן פֿאָטער.

זײַנען צען פֿון יעקבֿס זין אַוועק קיין מצרים. דעם יִנגסטן זון, בנימינען, יוספֿס ברודער פֿון זײַן מוטער רחלען, האָט יעקבֿ נישט געלאָזט מיטנעמען, ווײַל ער האָט געזאָגט: טאָמער וועט אים טרעפֿן אַן אומגליק.

די ברידער זוכן יוספֿן

ווען יעקבֿס זין זײַנען געקומען קיין מצרים, זײַנען זיי געגאַנגען דורך פֿאַרשיידענע טויערן און אויף פֿאַרשיידענע וועגן צו זוכן זייער ברודער יוסף. זיי האָבן אין דער הויפּטשטאָט זיך נאָכגעפֿרעגט בײַ אַלעמען, צי עמעצער קען ניט אַ שקלאַף פֿון כּנען מיטן נאָמען יוסף, אָבער אַז קיינער האָט ניט געוואוסט וואָס זיי צו ענטפֿערן, זײַנען זיי געוואָרן אומעטיק.

— ווער ווייס צי אונדזער ברודער יוסף לעבט נאָך ? — האָבן זיי געזאָגט איינער צום אַנדערן.

און ביי די טויערן האָט מען פֿאַרשריבן די נעמען פֿון די מענטשן, וואָס זײַנען דורכגעגאַנגען. אין אָוונט האָט מען געבראַכט אַלע נעמען צו יוספֿן, און עס זײַנען צווישן זיי אויך געווען די נעמען פֿון יוספֿס ברידער.

האָט יוסף געזאָגט צו איינעם פֿון די שרײַבער:

— „ווען אָט די מענטשן פֿון כּנען וועלן קומען קויפֿן עסן, זאָל מען זיי פֿאַרהאַלטן און ברענגען צו מיר."

אָבער עס זײַנען אַוועק דרײַ טעג און יוספֿס ברידער זײַנען ניט געקומען. זיי זײַנען אַרומגעגאַנגען איבער דער שטאָט און האָבן געזוכט יוספֿן, ווײַל זיי האָבן אַמאָל פֿאַר־קויפֿט קיין מצרים. אַז יוסף האָט געזען, אַז זײַנע ברידער קומען ניט, האָט ער אַרויסגעשיקט זיבעציק העלדישע יונגע לײַט, די גרעסטע גיבורים (גיבוירים) פֿון מצרים, צו געפֿינען זײַנע ברידער און זיי צו ברענגען צו אים.

מען ברענגט די ברידער פֿאַר יוספֿן

אַז מ'האָט געבראַכט די ברידער פֿאַר יוספֿן, האָט זיי יוסף באַלד דערקענט. אָבער זיי האָבן יוספֿן ניט דערקענט, ווײַל יוסף איז נאָך יונג געווען, ווען זיי האָבן אים פֿאַרקויפֿט פֿאַר אַ שקלאַף קיין מצרים און זיי האָבן ניט געוואוסט, אַז דער הערשער איבערן גאַנצן לאַנד מצרים איז זייער ברודער יוסף.

יוסף האָט זיך אָבער פֿאַר זיי געמאַכט פֿרעמד, און האָט גערעדט מיט זיי שטרענג, און האָט צו זיי געזאָגט:

— „פֿון וואַנען קומט איר ?"

האָבן זיי געזאָגט:

— „פֿון לאַנד כּנען, אײַנצוקויפֿן שפּײַז."

און יוסף האָט זיך דערמאָנט אין די חלומות וואָס האָבן זיך אים געחלומט וועגן זיי. ער האָט געטראַכט: איך וואָלט

וועלן זיי זאָגן ווער איך בין, אָבער איך מוז זיי פֿריִער באַ־
שטראָפֿן פֿאַר דעם שלעכטס, וואָס זיי האָבן מיר אַמאָל געטאָן.
זאָל זיי כאָטש באַנג טאָן...

האָט ער גענומען זײַן בעכער אין האַנט און האָט שטרענג
געזאָגט:

— איר זעט? אָט דער בעכער איז אַ צויבער־בעכער.
דער בעכער זאָגט מיר, אַז איר זײַט שפּיאָנען, איר זײַט גע־
קומען אויסקוקן אונדזער לאַנד.

האָבען די ברידער געזאָגט צו יוספֿן:

— „ניין, מײַן האַר, נאָר צו קויפֿן שפּײַז זײַנען געקומען
דײַנע קנעכט. ערלעכע מענטשן זײַנען מיר."

— „אויב אַזוי, — האָט יוסף געזאָגט, — פֿאַר וואָס זײַט
איר אַרײַן אין שטאָט יעדער איינער דורך אַן אַנדער טויער,
און ניט אַלע אין איינעם? און פֿאַר וואָס זײַט איר שוין דרײַ
טעג אין שטאָט און איר האָט נאָך ניט געקויפֿט קיין עסן?
יאָ, איר זײַט שפּיאָנען!"

האָבן די ברידער זיך שטאַרק דערשראָקן און דערציילט
אַז זיי זײַנען צוועלף ברידער, איינער איז ניטאָ, און דער קלענ־
סטער, בנימין, איז געבליבן מיטן פֿאָטער.

זאָגט יוסף:

— „אויב ס'איז אמת וואָס איר זאָגט, זאָל איינער פֿון
אײַך בלײַבן בײַ מיר ביז איר וועט ברענגען אײַער קלענסטן
ברודער — וועל איך אײַך דעמאָלט גלייבן."

און יוסף האָט באַפֿוילן, אַז מען זאָל שמעונען (שימענען),
דעם צווייטן ברודער, פֿאַרשפּאַרן אין אַ צימער און די איבע־
ריקע זאָלן פֿאָרן אַהיים און ברענגען דעם יינגסטן ברודער.

יוסף לאָזט זיך דערקענען צו זײַנע ברידער

זײַנען די ברידער געפֿאָרן אַהיים און האָבן געבראַכט
בנימינען.

אַז די עלף ברידער זײַנען איצט געקומען צו יוספֿן, האָט

ער זיי פֿאַרבעטן צו עסן מיט אים בײַ זײַן טיש. ער האָט געגעסן מיט זיי און האָט זיי געגעבן מתּנות. אָבער אַז יוסף האָט געוואָלט טרינקען מיט זיי ווײַן, האָבן די ברידער גע־ענטפֿערט:

— „ניין, זינט מיר האָבן פֿאַרלאָרן אונדזער ברודער יוסף טרינקען מיר ניט קיין ווײַן, כּדי מיר זאָלן ניט ווערן פֿריילעך."

אַז יוסף האָט געזען, אַז די ברידער טוט באַנג וואָס זיי האָבן אים פֿאַרקויפֿט, האָט ער אַ רוף געטאָן:

— „יוסף, יוסף, יעקבֿס זון! קום אַהער, און זאָלן דײַנע ברידער דיך זען!"

יוסף לאָזט זיך דערקענען צו די ברידער

האָבן די ברידער זיך דערשראָקן און האָבן זיך אומ־
געקוקט אויף אַלע זײַטן.

האָט יוסף געזאָגט:

— „קוקט ניט אויף אַלע זײַטן, קוקט צו מיר. איך בין
אײַער ברודער יוסף!"

האָבן די ברידער אַזש אָנגעהויבן ציטערן. זיי זײַנען
געפֿאַלן אויף יוספֿס האַלדז און האָבן געוויינט. אָבער יוסף
האָט גערעדט צו זיי מיט גוטסקייט און ליבשאַפֿט. ער האָט
זיי געזאָגט, אַז ער האָט זיי אַלץ פֿאַרגעבן, און ער האָט גע־
בעטן, אַז זיי זאָלן באַלד פֿאָרן אַהיים און ברענגען קיין מצרים
זייער אַלטן פֿאָטער יעקבֿ.

דער קיניג פּרעה און יוסף האָבן געגעבן יעקבֿס זין פֿערד
און וועגענער צו ברענגען יעקבֿן מיט דער גאַנצער משפּחה
קיין מצרים. און יעקבֿ מיט אַלע זײַנע קינדער און קינדערס
קינדער זײַנען אַראָפּגעקומען קיין מצרים און האָבן זיך דאָרטן
באַזעצט.

קאפיטל II.

די יידן אין מצרים

1. די יידן ווערן קנעכט

איז געשטאָרבן יוסף, און אַלע זײַנע ברידער און יענער גאַנצער דור.

די קינדער פֿון יעקבֿ האָט זיך געלעבט גוט אין מצרים. זיי זײַנען געוואָרן אַלץ מער און שטאַרקער, און דאָס גאַנצע לאַנד איז פֿול געוואָרן מיט זיי.

איז אויפֿגעקומען אַ נײַער פּרעה איבער מצרים. ער האָט ניט געקענט יוספֿן און ניט געוואוסט וואָס יוסף האָט געטאָן פֿאַרן לאַנד, ווי אַזוי ער האָט געראַטעוועט מצרים פֿון הונגער.

האָט דער נײַער קיניג געזאָגט צו זײַן פֿאָלק:

— „זעט, די יידן ווערן אַלץ מער און שטאַרקער און אַז עס וועט טרעפֿן אַ מלחמה קענען זיי נאָך צושטיין צו אונדזערע פֿײַנד, מלחמה האַלטן מיט אונדז און אַרויסגיין פֿון לאַנד. איך וויל איצט בויען נײַע שיינע הײַזער און פּאַלאַצן און פֿעסטונגען צו מאַכן שטאַרק אונדזער לאַנד. איך דאַרף האָבן קנעכט, געזונטע שקלאַפֿן. לאָמיר מאַכן די יידן פֿאַר אונדזערע שקלאַפֿן.‟

און די יידן זײַנען געוואָרן שקלאַפֿן אין מצרים.

די יידן האָבן געאַרבעט זייער שווער — אָבער די אַרבעט האָט זיי ניט געשאַדט. פּרעהס מענטשן האָבן זיי בײַ דער אַרבעט געשלאָגן און געפּײַניקט — און די יידן זײַנען געווען געזונט און שטאַרק. זיי האָבן געבויט פּאַלאַצן און פֿעסטונגען — און זײַנען געוואָרן מער און מער.

האָט דער קיניג פּרעה זיך געשראָקן. וואָס וועט זײַן, אַז די יידן וועלן ווערן אַזוי שטאַרק, אַז זיי וועלן צונעמען בײַ אים דאָס לאַנד?

האָט ער באַפֿוילן, אַז מ'זאָל אַלע נײַ־געבאָרענע ייִדישע ייִנגלעך אַרײַנוואַרפֿן אין טײַך און די מיידלעך לאָזן לעבן. אָבער די ייִדישע מאַמעס האָבן ניט געוואָלט פֿאַרלירן זייערע קינדער. האָבן זיי די קליינע ייִנגעלעך באַהאַלטן. זײַנען די מיצרים אַרומגעגאַנגען איבער די ייִדישע היימען און געזוכט נײַ־געבאָרענע קינדער. אַז זיי האָבן געפֿונען אַ ייִנגעלע, האָבן זיי אים אַוועקגענומען פֿון טאַטע־מאַמע און אים אַרײַנגעוואָרפֿן אין טײַך.

און די ייִדן אין מצרים איז געווען זייער שווער.



די עגיפּטער צווינגען די ייִדן צו טאָן שווערע אַרבעט

די יידישע ייִנגעלעך אין מצרים

(לעגענדע)

פּרעה, דער קיניג פֿון מצרים, האָט געהייסן אַרײַנוואַרפֿן אַלע נײַ־געבאָרענע ייִנגעלעך אין טײַך אַרײַן.

זײַנען די עגיפּטער אַרומגעגאַנגען איבער די ייִדישע הײַזער און געזוכט נײַ־געבאָרענע ייִנגעלעך. און די יידישע מוטערס פֿלעגן באַהאַלטן זייערע קינדער אין די קעלערס.

פֿלעגן די עגיפּטער אַרײַן אין שטוב מיט די אייגענע קלײנע קינדער און זיי שלאָגן, אַז זיי זאָלן וויינען. ווען דאָס ייִדישע קינד האָט דערהערט פֿון קעלער אַ געוויין פֿון אַ קינד — האָט עס אויך אָנגעהויבן וויינען. אַזוי פֿלעגן די עגיפּטער געפֿינען דאָס באַהאַלטענע ייִדישע קינד און עס אַרײַנוואַרפֿן אין טײַך אַרײַן.

האָבן אַ סך מאַמעס מורא געהאַט צו האַלטן זייערע ייִנגעלעך אין דער היים. האָבן זיי שטילערהייט אַוועקגע־טראָגן זייערע ייִנגעלעך אין פֿעלד אַרײַן. זיי האָבן זיי אַוועק־געלייגט אונטער אַ בוים און געזאָגט:

— „מיר קענען מערניט אויסהיטן אונדזערע קינדער־לעך פֿון די עגיפּטער. זאָל גאָט זיי אויסהיטן!"

איז צו יעדן ייִנגעלע אַראָפּגעקומען אַ מלאך (מאַלעך) און האָט אים אָפּגעהיט. ער האָט אים געוואַשן, געקושט, געוויגט, און האָט אים אײַנגעשטילט ווען ער האָט געוויינט.

און לעבן יעדן ייִנגעלע האָט דער מלאך אַוועקגעלייגט צוויי שטיינער. פֿון איין שטיין האָט גערונען האָניק, פֿון דעם צווייטן — מילך. האָט דאָס ייִדישע ייִנגעלע געגעסן האָניק, געטרונקען מילך און איז אויפֿגעוואַקסן אַ געזונט קינד.

און אַז ער איז אויסגעוואַקסן, האָט דער מלאך אים גע־בראַכט גלײַך צו זײַן טאַטע־מאַמע אין שטוב אַרײַן...

2. דער פֿירער משה

משה ווערט געבאָרן

אין יענער צײַט איז בײַ אַ ייִדישע טאַטע־מאַמע געבאָרן געוואָרן אַ ייִנגעלע. האָט די מוטער אים באַהאַלטן אין שטוב. אָבער די עגיפּטער זײַנען אַלע מאָל געקומען און אים געזוכט. האָט זי אַרײַנגעלייגט דאָס קינד אין אַ קעסטעלע, און האָט אַוועקגעלייגט דאָס קעסטעלע בײַם ברעג טײַך. אין יענעם טאָג איז דעם קיניגס טאָכטער אַראָפּגעקומען צום טײַך. זי

האָט געפֿונען דאָס קעסטעלע און גענומען דאָס קינד צו זיך אַהיים. און אַזוי איז דאָס קינד געקומען צום קיניג אין פּאַלאַץ.

דער נאָמען פֿון דעם קינד איז געווען משה (מוישע).

אַז משה איז אויסגעוואַקסן, האָט ער זיך דערוואוסט, אַז ער איז אַ ייִד. ער האָט זיך דערוואוסט, אַז די ייִדן זײַנען זײַן פֿאָלק, זײַנע ברידער. האָט ער זיי געוואָלט העלפֿן.

משה זעט ווי די ייִדן אַרבעטן שווער

איז ער איין מאָל אַרויסגעגאַנגען אין פֿעלד צו זען ווי די ייִדן אַרבעטן. האָט ער געזען, אַז זיי אַרבעטן זייער שווער. זיי קנעטן ליים און מאַכן פֿון דעם ליים ציגל. זיי בויען פּאַלאַצן. זיי מאַכן שטאַרקע פֿעסטונגען. און די עגיפּטער לאָזן זיי אַפֿילו ניט זיך אָפּרוען. האָט עס משהן וויי געטאָן. ער האָט רחמנות געהאַט אויף זײַנע ברידער.

פּלוצעם זעט משה ווי אַן עגיפּטער שלאָגט אַ ייִדן. איז ער צוגעלאָפֿן צו דעם עגיפּטער, האָט דער עגיפּטער אויך משהן געוואָלט שלאָגן. האָט משה דעם עגיפּטער אַ קלאַפּ געטאָן און אים געטייט. אַז דער קיניג פּרעה האָט דאָס געהערט, האָט ער געוואָלט טייטן משהן. איז משה אַנטלאָפֿן אין אַן אַנדער לאַנד.

משה באַפֿרײַט די ייִדן פֿון קנעכטשאַפֿט

אָבער משה האָט ניט פֿאַרגעסן זײַן פֿאָלק. ער האָט ניט פֿאַרגעסן, אַז די ייִדן זײַנען שוין הונדערטער יאָרן קנעכט אין עגיפּטן. ער האָט זיי געוואָלט העלפֿן און זיי באַפֿרײַען. איז ער מיט יאָרן שפּעטער ווידער געקומען קיין עגיפּטן. ער איז געקומען צו פּרעהן און האָט אים געבעטן, אַז ער זאָל אַרויס־לאָזן די ייִדן פֿון מצרים. דער קיניג איז געוואָרן בייז אויף משהן. אָבער משה האָט זיך ניט איבערגעשראָקן. ער האָט זײַן פֿאָלק

געוואָלט באַפרײַען. איז ער ווידער און ווידער געקומען צו פּרעהן. ער האָט געקעמפּט, געקעמפּט, ביז פּרעה האָט די ייִדן אַרויסגעלאָזט.

אַזוי איז משה געוואָרן דער גרויסער ייִדישער פירער, דער באַפרײַער פונעם ייִדישן פאָלק. ער איז געוואָרן דער גרעסטער ייִדישער פירער פון אַלע צײַטן. הונדערטער יאָר זײַנען די ייִדן געווען קנעכט אין עגיפּטן. איצט האָט משה זיי באַפרײַט פון קנעכטשאַפט. ער האָט זיי באַפרײַט פון דעם בייזן פּרעה און האָט זיי אַרויסגענומען פון מצרים. מיט הונדערטער יאָרן צוריק זײַנען קיין מצרים אַרײַנגעקומען בלויז אַרום הונדערט ייִדן. איצט זײַנען פון מצרים אַרויסגעגאַנגען זעקס הונדערט טויזנט ייִדן.

דער קלוגער משה
(לעגענדע)

משה איז געוואַקסן אין קיניגס פּאַלאַץ. דער קיניג און זײַן טאָכטער האָבן אים זייער ליב געהאַט.

איין מאָל איז אין קיניגס פּאַלאַץ געווען אַ גרויסע שמחה (סימכע). אַ סך קיניגן פון אַנדערע לענדער זײַנען אין דעם טאָג געקומען צו פּרעהן. זיי זײַנען געזעסן בײַ די טישן, געגעסן, געטרונקען, געזונגען און געווען פריילעך.

דאָ איז אַרײַנגעקומען דעם קיניגס טאָכטער. זי האָט געהאַלטן אויף די הענט דעם קליינעם משהן. אַז דער קיניג האָט דערזען דאָס שיינע ייִנגעלע, האָט ער אים גענומען אויף די הענט און האָט זיך געשפּילט מיט אים.

פּלוצעם האָט דאָס ייִנגעלע אויפגעהויבן זײַן הענטל, אַראָפּגענומען פון קיניגס קאָפּ די קרוין, און זי אָנגעטאָן אויף זײַן קעפּל.

דער קיניג און אַלע געסט האָבן זיך דערשראָקן. זיי האָבן אָנגעהויבן טומלען:

— „ער האָט אַראָפּגענומען די קרוין פֿון קיניגס קאָפּ!"
— „אַז ער וועט אויסוואַקסן, וועט ער וועלן ווערן קיניג!"
— „מ'דאַרף אים טייטן!" — האָט איינער נאָכן אַנדערן געשריִען.

דער קיניג איז געווען שטאַרק דערשראָקן. האָט ער שוין געוואָלט הייסן, אַז מ'זאָל דאָס קינד טייטן. אָבער דאָ האָט איינער אויסגערופֿן:

— „צו וואָס זאָל דער קיניג טייטן אַזאַ שיין קינד? לאָמיר טאָן אַזוי: מיר וועלן אַוועקשטעלן פֿאַרן קינד אַ שיסל מיט ברענענדיקע קוילן און אַ שיסל מיט גאָלד. אויב דאָס קינד וועט נעמען דאָס גאָלד, האָט עס שכל און פֿאַרשטייט וואָס ס'האָט געטאָן, און מיר וועלן עס טייטן. אָבער אויב דאָס קינד וועט נעמען די ברענענדיקע קוילן, וועלן מיר אים לאָזן לעבן."

— „זייער גוט", — האָט געזאָגט דער קיניג.

באַלד האָט מען געבראַכט אַ שיסל מיט גאָלד און אַ שיסל מיט ברענענדיקע קוילן.

דער קליינער משה איז דאָך געווען זייער קלוג. האָט ער אויסגעצויגן זײַן הענטל צום גאָלד. אָבער דאָ איז אַראָפּגעקומען אַ מלאך און האָט אַ שטופּ געטאָן משהס הענטל. האָט משה גענומען אַ ברענענדיקע קויל, האָט זי צוגעלייגט צום מויל און האָט זיך אָפּגעבריט די צונג.

פֿון דעמאָלט אָן איז משה געוואָרן אַ שטאַמלער.

משה און דאָס לעמעלע

(לעגענדע)

אַז דער קיניג פּרעה האָט געוואָלט טייטן משהן, ווײַל ער האָט געהרגעט אַן עגיפּטער, איז משה אַנטלאָפֿן אין אַן אַנדער לאַנד. דאָרטן איז ער געוואָרן אַ פּאַסטעך.

איין מאָל איז משה געזעסן מיט זײַנע שאָף אין פֿעלד. ער האָט געשפּילט אויף אַ פֿײַפֿעלע, און אַלע שאָף האָבן געטאַנצט, געשפּרונגען און זײַנען געווען פֿריילעך.

פּלוצעם האָט משה דערזען, אַז איין לעמעלע גייט אַוועק פֿון דער טשערעדע שאָף ווײַט אין פֿעלד אַרײַן.

האָט משה מורא געהאַט טאָמער טרעפֿט זיך מיט דעם לעמעלע אַן אומגליק. איז ער נאָכגעלאָפֿן נאָך דעם לעמעלע — ער האָט עס געוואָלט צוריקטרײַבן צו דער טשערעדע שאָף. אָבער דאָס לעמעלע איז געלאָפֿן ווײַטער און ווײַטער, איז אַראָפּגעלאָפֿן פֿון אַ בערגל, און איז צוגעקומען צו אַ קליין טײַכל. דאָ האָט עס גענומען טרינקען דאָס וואַסער.

אַז משה האָט דאָס געזען, איז ער געבליבן שטיין פֿון ווײַטן. ער האָט געקוקט אויף דעם דורשטיקן לעמעלע פֿול מיט רחמנות (ראַכמאָנעס), און האָט געזאָגט:

— „אַנטשולדיק מיר, גוט לעמעלע, וואָס איך בין דיך נאָכגעלאָפֿן און דיך פֿאַרמאַטערט. איך האָב ניט געוואוסט, אַז דו ביסט דורשטיק.“

און משה האָט געוואַרט ביז דאָס דורשטיקע לעמעלע האָט געענדיקט טרינקען. דאַן האָט ער עס גענומען אויף אַן אַקסל און עס געטראָגן צוריק צו דער טשערעדע.

פּילט אויס די ליידיקע ערטער מיט אָט די ווערטער:

1 — ייִדן, פֿאָלק; 2 — משה, באַפֿרײַען; 3 — פּרעה, פֿרײַ;
4 — משה, געקעמפֿט; 5 — קנעכט, מצרים.

1. משה האָט זיך דערוואוסט, אַז די ——— זײַנען זײַן ———
2. האָט ——— געוואָלט די ייִדן ———
3. אָבער ——— האָט זיי ניט געוואָלט אַרויסלאָזן ———
4. האָט ——— געקעמפֿט און ———, ביז ער האָט זיי באַפֿרייט.
5. די ייִדן זײַנען הונדערטער יאָרן געווען ——— אין ———

איצט שרײַבט איבער די זאַצן.

3. ווען די יידן האָבן זיך באַפרײַט

פֿון חומש

ווען פּרעה האָט געוואָלט טייטן משהן, איז משה אַנט־לאָפֿן אין לאַנד מדין (מידיאָן). אין מדין האָט משה גע־נומען אַ פֿרוי, און ער איז געוואָרן אַ פּאַסטעך.

איין מאָל, מיט יאָרן שפּעטער, איז משה געגאַנגען מיט זײַנע שאָף אין פֿעלד. האָט ער דערזען אַ ברענענדיקן דאָרן, דער דאָרן האָט געברענט און איז ניט פֿאַרברענט געוואָרן. און פֿון דעם דאָרן האָט ער געהערט די שטים פֿון גאָט. גאָט האָט אים געזאָגט, אַז ער זאָל גיין צוריק קיין מצרים און רעדן צום קיניג פּרעה, אַז ער זאָל אַרויסלאָזן די ייִדן פֿון זײַן לאַנד.

האָט משה אַזוי געטאָן. ער האָט גענומען זײַן ווײַב און זײַנע זין און איז געגאַנגען צוריק קיין מצרים. דאָ האָט ער גערעדט צו פּרעהן, אַז ער זאָל באַפֿרײַען די ייִדן. אָבער פּרעה האָט ניט געוואָלט.

האָט גאָט גערעדט צו משהן און משה האָט געבראַכט אויף דעם לאַנד מצרים צען מכּות (מאַקעס), צען פּלאָגן. בײַ דער ערשטער מכּה (מאַקע) זײַנען אַלע וואַסערן געוואָרן בלוט. ביי דער צווייטער, זײַנען פֿון אַלע טײַכן אַרויס די פֿרעש און האָבן זיך צעשפּרייט איבערן גאַנצן לאַנד. נאָך דעם זײַנען געווען אַנדערע מכּות. נאָך יעדער מכּה האָט פּרעה געזאָגט, אַז ער וועט אַרויסלאָזן די ייִדן. אָבער, אַז די מכּה איז אַוועק, האָט ער די ייִדן ניט געוואָלט באַפֿרײַען.

ערשט נאָך דער צענטער מכּה האָט פּרעה אַרויסגעלאָזט די ייִדן.

און די ייִדן זײַנען אַרויס פֿון מצרים אין אײַלעניש. די עגיפּטער האָבן געטריבן די ייִדן, אַז זיי זאָלן אַרויסגיין וואָס גיכער, ווײַל זיי האָבן מורא געהאַט, אַז זיי וועלן שטאַרבן. די ייִדן זײַנען אַרויסגעגאַנגען אַזוי גיך, אַז זיי האָבן אַפֿילו ניט געהאַט קיין צײַט צו באַקן ברויט. זיי האָבן נאָר אויסגעלייגט

קעגן דער זון דינע קוכנס, ווי מצות (מאַצעס), און די זון האָט זיי אויף גיך אויסגעבאַקן.

און משה האָט באַפֿרײַט די ייִדן און ער האָט זיי אָנגעזאָגט, אַז זיי זאָלן צוליב זייער באַפֿרײַאונג מאַכן אַ יום־טובֿ. זיי זאָלן פֿײַערן פּסח, דעם יום־טובֿ פֿון באַפֿרײַאונג, זיבן טעג. זיבן טעג זאָלן זיי עסן מצות, ווײַל מצות האָבן געגעסן די ייִדן ווען זיי זײַנען אַרויסגעגאַנגען פֿון מצרים. אַזוי זאָלן די ייִדן אָפּהיטן דעם יום־טובֿ פֿון יאָר צו יאָר.

און דער יום־טובֿ פּסח ווערט געפֿײַערט פֿון די ייִדן ביז הײַנטיקן טאָג. אַכט טעג פֿרייען זיך די ייִדן מיט זייער באַפֿרײַאונג און עסן אַכט טעג מצות.

דער יום־טובֿ פּסח הייבט זיך אָן אין אָוונט פֿונעם פֿערצנטן טאָג אין חודש (כוידעש) ניסן.

משה און אַהרן און דער קיניג פּרעה
(לעגענדע)

אין פּרעהס פּאַלאַץ

אַז משה איז געגאַנגען בעטן פּרעהן, אַז ער זאָל אַרויסלאָזן די ייִדן פֿרײַ, האָט ער מיטגענומען זײַן ברודער אַהרן. אַהרן האָט געקענט שיין רעדן.

אין יענעם טאָג איז בײַ פּרעהן געווען אַ גרויסע שׂמחה (סימכע). עס זײַנען געזעסן אין גרויסן זאַל בײַ די טישן אַ סך קיניגן, גענעראַלן און עלטסטע. זיי האָבן געגעסן, געטרונקען און געזונגען. אַלע מאָל איז צוגעגאַנגען צו פּרעהן אַן אַנדער קיניג און האָט אָנגעטאָן זײַן קרוין אויף פּרעהס קאָפּ. און פּרעה איז געווען פֿריילעך.

דאָ איז אַרײַנגעקומען אין גרויסן זאַל אַ דינער און האָט געזאָגט צו פּרעהן:

— „קיניג, צוויי אַלטע לַיט שטייען בײַ דער טיר פֿון פּאַלאַץ. זיי ווילן רעדן צו דיר.״

— „זאָלן זיי אַרײַנקומען!״ — האָט דער קיניג באַפֿוילן.

דער לייב און דער בער בײַ דער טיר

פּרעהס פּאַלאַץ האָט געהאַט פֿיר הונדערט טירן. בײַ יעדער טיר איז געשטאַנען צוגעבונדן אַ לייב און אַ בער. זיי האָבן קיינעם ניט אַרײַנגעלאָזט אין פּאַלאַץ. אַז עמעצער האָט געוואָלט אַרײַנגיין, איז צוגעקומען אַ דינער און האָט געגעבן דעם לייב און דעם בער אַ שטיק פֿלייש צו עסן. זײַנען דער לייב און דער בער געוואָרן שטיל. האָט דער דינער גענומען דעם מענטשן און האָט אים אַרײַנגעפֿירט אין פּאַלאַץ.

אָבער אַז משה און אַהרן זײַנען צוגעקומען צום פּאַלאַץ, האָבן דער לייב און דער בער גענומען לעקן זייערע שיך און קליידער.

אַז משה און אַהרן זײַנען אַרײַנגעקומען צום קיניג, זײַנען זיי געווען אַזוי הויך און שיין, אַז פּרעה און אַלע קיניגן האָבן געקוקט אויף זיי פֿאַרוואונדערט. זיי האָבן זיך אויפֿגעהויבן פֿון זייערע ערטער, אַראָפּגענומען די קרוינען און זיך פֿאַרנייגט.

פּרעה וויל ניט אַרויסלאָזן די ייִדן

— „ווער זײַט איר, מענטשן?״ — האָט פּרעה געפֿרעגט.

— „מיר זײַנען משה און אַהרן״, — האָבן זיי געענטפֿערט, — „גאָט האָט אונדז צו דיר געשיקט, אַז דו זאָלסט אַרויסלאָזן די ייִדן פֿרײַ.״

האָט פּרעה גענומען לאַכן:

— „גאָ־ט? ווער איז ער, אײַער גאָט? איז ער אַ יונגער גאָט, צי אַן אַלטער גאָט? ווי אַלט איז ער? שוין לאַנג אַז ער איז אַ גאָט? וואָס איז זײַן אַרבעט?״

— גאָט איז גרעסער און שטאַרקער פון אַלץ אין דער וועלט, אַפילו פון דיר", — האָבן משה און אהרן געענטפערט.
האָט זיך פרעה ווידער צעלאַכט און געזאָגט:
— „איך בין גרעסער און שטאַרקער פון אַלץ אין דער וועלט! גייט אייך, משה און אַהרן! די יידן זיינען מיינע שקלאַפן, איך וועל זיי ניט אַרויסלאָזן פריי."
זיינען משה און אַהרן אַוועקגעגאַנגען.

פרעה זוכט משהן

נאָך דעם זיינען געקומען די צען מכּות. ביי דער צענטער מכּה האָבן אָנגעהויבן שטאַרבן די עלטסטע זין פון די עגיפ־

פרעה בעט משהן ער זאָל אַרויסנעמען די יידן פון מצרים



טער. דאָס איז געווען בײַנאַכט. האָט דער קיניג פּרעה זיך אויפֿגעכאַפּט פֿון שלאָף און איז געלאָפֿן זוכן משהן. ער איז געלאָפֿן בײַנאַכט איבער די ייִדישע הײַזער און האָט גערופֿן:

— „וואו איז משה? וואו וואוינט משה?"

האָבן די ייִדישע קינדער זיך אויפֿגעכאַפּט פֿון שלאָף. זיי זײַנען אַרויס אין גאַס און געשריִען צום קיניג:

— „פּרעה, פּרעה, וואוהין לויפֿסטו?"

— „איך זוך משהן, קינדערלעך," — האָט פּרעה געענטפֿערט. — וואו איז משה? וואו וואוינט משה?"

האָבן די ייִדישע קינדער אָפּגעלאַכט פֿון פּרעהן:

— „דאָ וואוינט ער!"

— „ניין, דאָרט וואוינט ער!"

— „ניין, פּרעה, איך ווייס: אָט־דאָרט־אָ וואוינט ער!..."

אַזוי איז פּרעה אַרומגעלאָפֿן איבער די ייִדישע גאַסן, ביז ער האָט משהן געפֿונען. דאַן האָט ער אים געבעטן, אַז ער זאָל גיך אַרויסנעמען די ייִדן פֿון עגיפּטן.

און דער גרויסער פֿירער משה האָט די ייִדן באַפֿרײַט.

ענטפֿערט אויף די פֿראַגעס:

1. וואָס האָט משה גערעדט צום קיניג פֿון מצרים?
2. פֿאַר וואָס האָט פּרעה ניט געוואָלט אַרויסלאָזן די ייִדן?
3. פֿאַר וואָס פֿײַערן מיר דעם יום־טוב פּסח?

געדענקט אָט די צען ווערטער:

1. מדבר (מידבער).
2. שבט (שייווועט).
3. פּאַסטעכער.
4. כּנען (קענאַאַן).
5. פּויערים.
6. מצרים (מיצראַיִעם).
7. געטער.
8. יהוה (יאַווע)
9. קנעכט.
10. פּסח (פּייסעך).

די ייִדן בײַם רויטן ים

(לעגענדע)

אַז די ייִדן זײַנען אַרויסגעגאַנגען פֿונעם לאַנד מצרים (מיצ־ רײַעם), זײַנען זיי געגאַנגען ווײַטער און ווײַטער ביז זיי זײַנען געקומען צום רויטן ים.

אָבער דערווײַל האָט דער קיניג פּרעה אַ טראַכט געטאָן: פֿאַר וואָס האָב איך אַרויסגעלאָזט די ייִדן פֿון מײַן לאַנד? זיי האָבן מיר דאָך געדינט! זיי זײַנען דאָך געווען מײַנע שקלאַפֿן!

האָט דער קיניג פּרעה צונויפֿגענומען אַ סך עגיפּטישע סאָלדאַטן און האָט צו זיי געזאָגט:

— „יאָגט נאָך די ייִדן און קערט זיי אום צוריק קיין מצרים!"

די ייִדן זײַנען שוין געווען בײַם ברעג פֿונעם ים. פּלוצעם דערהערן זיי אַ שרעקלעכן טומל. זיי גיבן אַ קוק אויף צוריק, זעען זיי ווי פּרעהס סאָלדאַטן לויפֿן זיי נאָך און שרײַען.

האָבן די צוועלף ייִדישע שבֿטים (שוואָטים) זיך פֿאַר־ לאָרן. זיי האָבן זיך דערשראָקן און ניט געוואוסט וואָס צו טאָן. האָבן זיי זיך אָנגעהויבן צו קריגן צווישן זיך. איין שבֿט (שײַ־ וועט) האָט געזאָגט: „זאָל אַן אַנדער שבֿט אַרײַנגיין אין ים דער ערשטער, וועל איך אויך אַרײַנגיין." און אַ צווייטער שבֿט האָט געזאָגט דאָס זעלבע: „זאָל אַן אַנדער שבֿט אַרײַנ־ גיין אין ים דער ערשטער, וועל איך אויך אַרײַנגיין." דערווײַל זײַנען די עגיפּטישע סאָלדאַטן צוגעקומען נעענטער און נעענטער.

האָט גאָט געזאָגט צו משהן:

— „הייב אויף דײַן שטעקן און טו אַ קלאַפּ איבער די וואַסערן פֿון ים!"

האָט משה אויפֿגעהויבן זײַן וואונדער־שטעקן און האָט אַ קלאַפּ געטאָן איבער די וואַסערן. האָבן זיך די וואַסערן

צעשפּאַלטן. זיי האָבן זיך צעטיילט אין צוויי טיילן. פֿון בּיידע זײַטן איז געווען וואַסער, און אין מיטן איז געווען טרוקן.

זײַנען די ייִדן אַריבערגעגאַנגען דעם ים אין דער טרײַקעניש. און אַזוי ווי די עגיפּטער האָבן געוואָלט אַרײַנגיין אין ים און נאָכלויפֿן די ייִדן, איז דער ים ווידער געוואָרן גאַנץ.

אַ סך עגיפּטער זײַנען אַרײַן אין ים און זײַנען דערטרונקען געוואָרן. און משה און די ייִדן זײַנען געבליבן שטיין אויף יענער זײַט ים. זיי האָבן זיך געראַטעוועט. איצט האָבן זיך אַלע ייִדן דערפֿילט פֿרײַ און גליקלעך, און זיי האָבן זיך צעזונגען. זיי האָבן געזונגען אַ ליד פֿון גליק און פֿרײַהייט.



די עגיפּטער ווערן דערטרונקען אין רויטן־ים

קאַפּיטל III.

משה פירט די יידן אין מדבר

1. אין מדבר

משה האָט גענומען די ייִדן אין מדבר אַרײַן. פֿון מדבר האָט ער זיי געוואָלט פֿירן קיין כּנען. ער האָט געוואוסט, אַז אונדזערע אור־עלטערן האָבן געוואוינט אין כּנען; אַז כּנען איז געווען דאָס לאַנד פֿון די ערשטע ייִדן. ער האָט אויך געוואוסט, אַז די ייִדישע קנעכט אין עגיפּטן האָבן אַ סך געטראַכט וועגן זייערע אור־עלטערן און וועגן דעם לאַנד כּנען. האָט משה געוואָלט פֿירן אַהין די ייִדן.

אָבער די ייִדן האָבן מורא געהאַט צו גיין אַהין. זיי האָבן זיך געשראָקן פֿאַר די שטאַרקע מענטשן פֿון כּנען. זיי האָבן מורא געהאַט פֿאַר מלחמה (מילכאָמע). האָט משה געזאָגט:

— „ניין, ייִדן, איר וועט ניט קענען אַרײַנגיין אין לאַנד כּנען. איר שרעקט זיך. איר זײַט נאָך אַלץ שקלאַפֿן. אַזוינע מענטשן קענען ניט אויפֿבויען קיין אייגן לעבן און האָבן אַן אייגן לאַנד. דערפֿאַר וועט איר פֿערציק יאָר בלײַבן דאָ אין מדבר און דאָ שטאַרבן. אײַערע קינדער נאָך אײַך — זיי וועלן אַרײַנגיין אין לאַנד כּנען. אײַערע קינדער, וואָס וועלן וואַקסן אין מדבר ווי פֿרײַע מענטשן — זיי וועלן קענען האָבן אַן אייגן לאַנד.“

זײַנען די ייִדן געבליבן אין מדבר פֿערציק יאָר. זיי האָבן געוואַנדערט פֿון אָרט צו אָרט און געהאַט אַ סך צרות. אַמאָל איז ניט געווען קיין וואַסער, אַמאָל — קיין עסן. זיי האָבן אויך געמוזט פֿירן מלחמות מיט ווילדע שבֿטים פֿון מדבר. אָבער משה האָט זיי געשטאַרקט און געהאָלפֿן. ער איז געווען אַ גרויסער פֿירער.

אין מדבר האָט משה געגעבן די ייִדן די תּורה. אין דער תּורה זײַנען דאָ די „צען געבאָט". עס זײַנען דאָרט אויך דאָ נאָך אַ סך געזעצן וועגן גוטסקייט און ערלעכקייט. די תּורה דערציילט אונדז ווי אַזוי אונדזערע עלטערן האָבן אַמאָל געלעבט. זי זאָגט אונדז אויך ווי אַזוי צו לעבן ווי גוטע, ערלעכע מענטשן.

די ייִדן האַלטן די תּורה ביזן הײַנטיקן טאָג.

2. דער יום־טוב שבועות (שוואועס)

זעקס וואָכן נאָך פּסח פּײַערן מיר דעם יום־טוב שבֿועות. מיר פּײַערן שבֿועות צוויי טעג לכּבֿוד (לעקאָוועד) דער תּורה. די תּורה דערציילט, אַז משה איז געווען אויפֿן באַרג סיני פֿערציק טעג און פֿערציק נעכט און גאָט האָט אים דאָרט געגעבן אַלע אירע געזעצן. פּײַערן מיר צוליב דעם צוויי טעג יום־טובֿ.

שבֿועות איז דעם זעקסטן און דעם זיבעטן טאָג פֿון חודש סיון (סיווען). אין כּנען איז שבֿועות געווען אַ נאַטור־יום־טובֿ. שבֿועות־צײַט האָט מען אָנגעהויבן שנײַדן אין פֿעלד די תּבֿואה (טוואוע). דאָס פֿאָלק האָט זיך זייער געפֿרייט און האָט געמאַכט אַ יום־טובֿ. אין דער תּורה שטייט טאַקע אַזוי געשריבן, אַז שבֿועות זאָלן די ייִדן מאַכן אַ יום־טובֿ, ווײַל מ'הייבט אָן שנײַדן די פֿרוכט פֿון דעם פֿעלד.

אָבער שפּעטער, ווען די ייִדן האָבן שוין ניט געהאַט זייער לאַנד, איז שבֿועות פֿאַרבליבן דער יום־טובֿ פֿון דער תּורה.

3. דער יום־טוב סוכּות (סוקעס)

דעם פֿופֿצנטן טאָג אין חודש (כוידעש) תּשרי (טישרע) פּײַערן מיר דעם יום־טובֿ סוכּות. סוכּות מיינט בײַדלעך, געצעלטן. סוכּות דערמאָנען מיר די צײַט ווען אונדזער פֿאָלק האָט געוואַנדערט אין מדבר פֿערציק יאָר און געוואוינט אין

געצעלטן. אַ סך ייִדן מאַכן זיך אויך הײַנט סוכּות לעבן זייערע הײַזער. זיי לעבן אין די סוכּות, לערנען, עסן און שלאָפֿן דאָרט אַכט טעג. מיר פֿײַערן דעם יום־טובֿ סוכּות אַכט טעג.

בײַ די ייִדן אין כּנען איז סוכּות געווען אַ נאַטור־יום־טובֿ. סוכּות־צײַט האָט מען אָנגעהויבן אײַנזאַמלען אַלץ, וואָס די ערד האָט אַרויסגעגעבן אין די פֿעלדער און ווײַנגערטנער. דאָס פֿאָלק האָט זיך געפֿרייט און געמאַכט אַ יום־טובֿ.

4. די צען געבאָט

אין דער תורה זײַנען דאָ די „צען געבאָט". עס זײַנען דאָרט דאָ נאָך אַ סך גוטע געזעצן. די צען געבאָט זײַנען בײַ די ייִדן הייליק. לאָמיר זיי לערנען.

א) איך בין גאָט, דײַן גאָט, וואָס האָט דיך אַרויסגעפירט פֿון לאַנד מצרים, פֿון דעם הויז פֿון קנעכטשאַפֿט.

ב) זאָלסט ניט האָבן קיין אַנדערע געטער.

ג) זאָלסט ניט אַרויסזאָגן דעם נאָמען פֿון גאָט אין פֿאַלשע רייד.

ד) האַלט הייליק דעם טאָג שבת. זעקס טעג זאָלסטו אַרבעטן, און דעם זיבעטן טאָג זאָלסטו רוען; דו, דײַן זון, דײַן טאָכטער, דײַן קנעכט און דײַן דינסט, און דײַן בהמה און דער פֿרעמדער וואָס איז בײַ דיר.

ה) זאָלסט ערלעך האַלטן דײַן פֿאָטער און מוטער.

ו) זאָלסט ניט מאָרדן.

ז) זאָלסט ניט זײַן צעלאָזן.

ח) זאָלסט ניט גנבענען.

ט) זאָלסט ניט זאָגן קיין פֿאַלש עדות (איידעס).

י) זאָלסט ניט גלוסטן דאָס, וואָס געהערט צו דײַן חבר (כאַווער).

5. געזעצן פֿון דער תורה

אָט זײַנען נאָך אייניקע געזעצן פֿון דער תורה:

זאָלסט אויסרופֿן פֿרײַהייט איבערן גאַנצן לאַנד פֿאַר אַלע אײַנוואוינערס.

זאָלסט ניט אָפּנאַרן דעם פֿרעמדן און זאָלסט אים ניט דריקן.

זאָלסט ניט פּײַניקן די אַלמנה און דעם יתום.

אַז דו וועסט לײַען געלט דעם אָרעמאַן, זאָלסטו אים ניט מאָנען און ניט אַרויפֿלייגן אויף אים קיין פּראָצענט.

איין געזעץ זאָל זײַן בײַ אײַך פֿאַר דעם וואָס איז געבאָרן געוואָרן אין לאַנד און פֿאַר דעם פֿרעמדן.

זעקס יאָר זאָלסטו פֿאַרזייען דײַן פֿעלד, דײַן ווײַנגאָרטן און דײַן אייլבערט־גאָרטן. אָבער דאָס זיבעטע יאָר זאָלסטו רוען. דאָס וואָס וואַקסט אַרויס פֿון זיך אַליין, זאָל זײַן פֿאַר די אָרעמע פֿון דײַן פֿאָלק.

ענטפֿערט אויף די פֿראַגעס:

1. וואוהין האָט משה געוואָלט פֿירן די ייִדן?
2. וואָס האָט משה געוואוסט וועגן כּנען?
3. פֿאַר וואָס זײַנען די ייִדן געבליבן אין מדבר פֿערציק יאָר?
4. וואָס האָט משה געגעבן די ייִדן אין מדבר?
5. האַלטן די ייִדן נאָך איצט די תורה?

2. דער יום־טובֿ שבֿועות און דער יום־טובֿ סוכּות

1. מיר פּײַערן דעם יום־טובֿ שבֿועות ——— וואָכן נאָך פּסח.
2. מיר פּײַערן דעם יום־טובֿ שבֿועות ——— טעג.
3. שבֿועות איז דעם —— און דעם —— טאָג פֿון חודש סיון.
4. ——— דערמאָנט אונדז, אַז די ייִדן האָבן געוואַנדערט אין מדבר.

דאָס עסן אין דעם מדבר

(לעגענדע)

ווען די ייִדן זײַנען געקומען אין מדבר, האָבן זיי ניט געהאַט וואָס צו עסן. האָבן זיי געוואַנדערט פֿון אָרט צו אָרט און געזוכט עסן.

איז יעדן פֿרימאָרגן געפֿאַלן פֿונעם הימל אַ מין עסנוואַרג, וואָס די ייִדן האָבן גערופֿן מן (מאָן). דער מן איז געווען וואַרעם און געשמאַק. ער איז געפֿאַלן אויף דער ערד יעדן פֿרימאָרגן, און געלעגן אַ פּאָר שעה. נאָך דעם איז אַרויס די זון און ער איז צעגאַנגען געוואָרן, ווי שניי.

האָבן די ייִדן זיך געפֿרייט. זיי זײַנען געקומען גאַנץ פֿרי אין די פֿעלדער, און האָבן צונויפֿגעקליבן עסן אויפֿן גאַנצן טאָג.

אָבער אַ סך מענטשן זײַנען געווען פֿויל אַרויסצוגיין קלײַבן דעם מן יעדן טאָג. זײַנען זיי געקומען אין די פֿעלדער מיט זעק און האָבן צונויפֿגעקליבן מן אויף עטלעכע טעג. אָבער וואָס־זשע איז געשען? זיי האָבן סײַ ווי ניט געהאַט מער ווי אויף איין טאָג. דער איבעריקער מן איז געוואָרן פֿול מיט ווערעם.

און דער טעם (טאַם) פֿון דעם מן איז געווען ווי דער טעם פֿון ברויט מיט מילך און האָניק. אָבער דער מן האָט געקענט האָבן נאָך טעמען (טאַמען). ער האָט געקענט האָבן דעם טעם אַפֿילו פֿון וואַסער, אָדער פֿון ווײַן. אַז אַ מאַמע האָט געוואָלט געבן איר קליין קינד מילך, האָט זי אים געגעבן מן און דאָס קינד האָט געזאָגט: „אַך, ווי גוט עס איז די מילך!"

און אַז אַנדערע קינדער האָבן געוואָלט האָניק, האָבן זיי געהאַט האָניק. עלטערע מענטשן האָבן געפֿילט אין דעם מן דעם טעם פֿון ברויט, קעז, פּוטער, ווײַן. וואָס זיי האָבן געוואָלט עסן און טרינקען, האָבן זיי געגעסן און געטרונקען.

פֿערציק יאָר זײַנען די ייִדן געווען אין מדבר און זיי האָבן געגעסן דעם מן די אַלע פֿערציק יאָר.

געפֿינט דאָס ריכטיקע וואָרט פֿאַרן זאַץ און שרײַבט אָן דעם נומער:

1. דאָס אָרט וואו עס האָבן געוואַנדערט די ערשטע ייִדן.
2. דער נאָמען פֿון דעם ערשטן ייִדן.
3. דער נאָמען פֿון דעם ייִדישן גאָט.
4. דאָס לאַנד וואו ייִדן זײַנען געווען קנעכט.
5. דער קיניג וואָס האָט געמאַכט די ייִדן פֿאַר שקלאַפֿן.
6. דער ייִדישער פֿרײַהייטס-יום-טוב.
7. די מענטשן, וואָס האָבן געבויט פֿעסטונגען אין עגיפּטן.
8. ער האָט באַפֿרייט דאָס ייִדישע פֿאָלק פֿון מצרים.

פּרעה	מדבר
ייִדן	פּסח
אַברהם	יהוה (יאַווע)
משה	מצרים

4. משה שטאַרבט

פֿערציק יאָר האָבן די ייִדן אַרומגעוואַנדערט אין מדבר. זיי האָבן געוואַנדערט פֿון אָרט צו אָרט, און האָבן אָפֿט ניט געהאַט קיין עסן, אָדער קיין וואַסער. די עלטערע ייִדן, וואָס זײַנען אַרויסגעגאַנגען פֿון מצרים, זײַנען שוין געשטאָרבן. די ייִנגערע ייִדן, וואָס זײַנען געבאָרן געוואָרן אין מדבר, האָבן געוואָלט גיין קיין כּנען.

אָבער משה איז שוין געווען אַלט און שוואַך. ער האָט געוואוסט, אַז די ייִדן וועלן דאַרפֿן האַלטן מלחמה מיט די כּנענים (קנאַנים), די מענטשן פֿון כּנען. ער האָט געוואוסט, אַז די כּנענים וועלן ניט אָפּגעבן דאָס לאַנד. האָט ער געוואָלט, אַז די ייִדן זאָלן האָבן אַ נײַעם פֿירער, וואָס זאָל זיי אַרײַנברענגען אין לאַנד כּנען.

די ייִדן זײַנען צוגעקומען צום עק פֿון מדבר, לעבן טײַך ירדן (יאַרדן). דאָ, אויף דער זײַט פֿונעם טײַך ירדן, איז געווען גוטע ערד. עס איז געווען עסן פֿאַר די מענטשן, און גראָז און וואַסער פֿאַר די שאָף און רינדער.

משה האָט געפֿילט, אַז ער וועט אין גיכן שטאַרבן. האָט ער גענומען דעם קלוגן און מוטיקן יהושוע (יעהוישוע), און אים געמאַכט פֿאַר דעם נײַעם פֿירער.

עס ווערט דערציילט, אַז משה איז אַרויפֿגעגאַנגען אויף אַ באַרג און האָט געזען פֿון ווײַטן דאָס לאַנד כּנען. דאָרט אויפֿן באַרג איז ער געשטאָרבן. ער איז אַלט געווען הונדערט און צוואַנציק יאָר.

משהס נאָמען איז פֿאַרבליבן בײַ אונדז ייִדן הייליק און טײַער ביזן הײַנטיקן טאָג. מיר רופֿן אים משה רבינו (ראַביינו) — משה אונדזער גרויסער פֿירער און לערער.

דער נײַער פֿירער יהושוע

(לעגענדע)

משה איז שוין געווען זייער אַלט. ער האָט געפֿילט, אַז ער וועט אין גיכן שטאַרבן. האָט ער געטראַכט: וואָס וועט איצט זײַן מיט מײַן פֿאָלק? האָט ער גערופֿן צו זיך יהושוען און האָט אים געזאָגט:

— „הער, יהושוע. איך וועל אין גיכן שטאַרבן. דו וועסט ווערן דער פֿירער פֿון די ייִדן. זאָלסטו זײַן געטרײַ דײַן פֿאָלק, געדענק! דו זאָלסט אײַננעמען כּנען און זאָלסט צעטיילן דאָס לאַנד צווישן די ייִדן.“

איז יהושוע געפֿאַלן צו משהס פֿיס און האָט געזאָגט:

— „איך בעט דיך, משה. דו ביסט געווען אַזאַ גרויסער פֿירער. אַלע פֿעלקער האָבן פֿאַר דיר מורא געהאַט. איצט, אַז די פֿעלקער וועלן הערן, אַז די ייִדן האָבן אַ נײַעם פֿירער, וועלן זיי דאָך די ייִדן אײַנשלינגען.“

האָט משה אויפֿגעהויבן יהושוען פֿון דער ערד, אים אַוועקגעזעצט אויף זײַן שטול און האָט אים געזאָגט:

— „יהושוע, דו ביסט ווערט צו זײַן אַ פֿירער פֿון דײַן פֿאָלק.“

יהושוע ווערט דער פֿירער פֿון די ייִדן

דאַן האָט משה צונויפֿגערופֿן דאָס גאַנצע פֿאָלק. מ׳האָט געבראַכט אַ שיינעם, פּורפּורנעם מאַנטל, אַ גאָלדענעם שטול און אַ גאָלדענע קרוין. מ׳האָט געשטעלט שטולן פֿאַר משהן, פֿאַר די אַלטע ייִדן און פֿאַר די עלטסטע פֿונעם פֿאָלק. אַרום און אַרום איז געשטאַנען דאָס גאַנצע פֿאָלק.

און משה האָט אָנגעטאָן יהושוען דעם פּורפּורנעם מאַנטל, אים אַוועקגעזעצט אויף דעם גאָלדענעם שטול, אים אָנגעטאָן די גאָלדענע קרוין און געזאָגט:

— „זײַ געבענטשט, יהושוע, אין אַלע דײַנע װעגן. פֿון הײַנט אָן ביסטו דער פֿירער פֿון דעם ייִדישן פֿאָלק!״

דאַן האָט יהושוע זיך אױפֿגעהױבן פֿון זײַן גאָלדענעם שטול, און האָט גערעדט צו די ייִדן װאונדערלעכע רייד. און משה האָט אים אַ קוש געטאָן און געזאָגט:

— „איך דאַנק דיר, גאָט. איצט װעל איך קענען רואיק שטאַרבן.״

און אַלע ייִדן האָבן אױסגערופֿן:

— „לעבן זאָל יהושוע! לעבן זאָל יהושוע!״

אַזױ איז יהושוע געװאָרן דער פֿירער פֿון דעם ייִדישן פֿאָלק נאָך משהן.

קאַפּיטל IV.

די יידן קומען אַריין אין כנען

1. יהושע פירט אַריין די יידן אין לאַנד

אַז משה איז געשטאָרבן, האָט יהושע אַריבערגעפירט די ייִדן איבער דעם טײַך ירדן. ער האָט זיי געוואָלט אַרײַנ־פירן אין לאַנד כנען.

די כנענים האָבן ניט געוואָלט, אַז די ייִדן זאָלן פאַר־כאַפּן כנען. האָבן זיי זיך געשטעלט אַנטקעגן. זיי האָבן גע־האַלטן מלחמה. אָבער יהושע איז געווען אַ מוטיקער פירער. ער האָט זיך ניט געשראָקן. ער האָט געוואָלט, אַז די ייִדן זאָלן ניט זײַן קיין וואַנדערער, נאָר זאָלן האָבן אַן אייגן לאַנד. איז ער געגאַנגען מיט די ייִדן ווײַטער און ווײַטער און פאַר־נומען די מערסטע שטעט און דערפער.

דאָס האָט געדויערט אַ סך יאָרן.

ביסלעכווײַז האָבן זיך די ייִדן באַזעצט איבערן גאַנצן לאַנד. זיי האָבן ניט אַרויסגעשטופּט אַלע כנענים. אָבער די ייִדן האָבן פאַרנומען אַ סך שטעט און דערפער, און זיך צע־שפּרייט איבערן גאַנצן לאַנד.

איצט זײַנען די ייִדן שוין ניט געווען בלויז פאַסטעכער. אַ סך האָבן זיך אויסגעלערנט פון די כנענים ערדאַרבעט. זײַנען אַ טייל ייִדן געבליבן פאַסטעכער, און אַ טייל זײַנען געוואָרן ערד־אַרבעטער, פּויערים.

יהושע איז געגאַנגען אין משהס וועגן און איז געווען אַ געטרײַער פירער. ער האָט געהאַלטן מלחמה און אײַנגע־נומען דאָס לאַנד. ער האָט געלערנט די ייִדן די תורה. ער האָט זיי געלערנט די ייִדישע געזעצן און גוטסקייט און ערלעכקייט.

פאַר איין זאַך האָט יהושוע זיך שטאַרק געשראָקן. ער האָט מורא געהאַט, אַז נאָך זײַן טויט וועלן די ייִדישע שבֿטים זיך קריגן צווישן זיך. יעדער שבֿט וועט וועלן דאָס בעסטע און פֿעטסטע שטיק לאַנד. האָט ער דאָס לאַנד צעטיילט צווישן די צוועלף שבֿטים. יעדער שבֿט האָט באַקומען אַ טייל לאַנד. נאָר איין שבֿט, דער שבֿט לוי (לייווי), האָט קיין ערד ניט באַקומען. יהושוע האָט געוואָלט, אַז די ייִדן פֿון שבֿט לוי זאָלן זײַן די כּוהנים (קויהאַנים) און געלערנטע פֿונעם פֿאָלק. ער האָט געוואָלט, אַז זיי זאָלן לערנען דאָס פֿאָלק די געזעצן פֿון דער תּורה.

יהושוע איז געשטאָרבן ווען ער איז שוין געווען זייער אַלט. נאָך זײַן טויט האָט זיך אָנגעהויבן בײַ די ייִדן אַ נײַע צײַט.

שטרייכט אונטער די ריכטיקע דרײַ זאַצן.

1. די ייִדן האָבן אַרויסגעשטופּט אַלע כּנענים פֿונעם לאַנד.
2. יהושוע האָט צעטיילט דאָס לאַנד צווישן די ייִדישע שבֿטים.
3. די ייִדן זײַנען אין כּנען געוואָרן ערדאַרבעטער.
4. אַלע ייִדן זײַנען אין כּנען געוואָרן פּאַסטעכער.
5. די ייִדן האָבן ניט אַרויסגעשטופּט אַלע כּנענים פֿונעם לאַנד.

2. דאָס לאַנד כּנען

די ייִדן האָבן געלעבט אין כּנען הונדערטער יאָרן. לאָמיר זיך באַקענען מיט דעם לאַנד, וואו אונדזער פֿאָלק האָט געלעבט אַזוי לאַנג.

אין מיטן פֿון דעם לאַנד כּנען לויפֿט דורך אַ גרויסער טײַך, דער ירדן. זײַנע וואַסערן זײַנען זייער שטאַרק. דער ירדן לויפֿט דורך דאָס גאַנצע לאַנד. ער לאָזט זיך אַראָפּ פֿון אויבן אין צפֿון (צאָפֿן), און לויפֿט אַראָפּ ביז אונטן אין דרום (דאָרעם).

כּנען רופֿט מען דאָס שטיק לאַנד, וואָס ליגט אין מערבֿ (מײַרעוו) פֿון ירדן. די צווייטע זײַט, אין מזרח (מיזרעך) פֿון

ירדן, רופט מען עבר הירדן (איווער האַיאַרדן). אין עבר הירדן איז די ערד זייער פעט. די פעטע ערד גיט אַרויס גוטע פאַשע פאַר שאָף און רינדער. ווען די ייִדן זיינען אַריינגעגאַנגען אין כנען, זיינען אַ סך פון זיי געבליבן וואוינען אין עבר הירדן.

אין מערב פון כנען ליגט דער מיטללענדישער ים (יאַם). דער מיטללענדישער ים ציט זיך פאַרביי דעם לאַנד פון אויבן אין צפון, ביז אונטן אין דרום.

דאָס לאַנד כנען האָט אַ סך בערג, באַוואַקסן מיט גראָז. אויף די בערג מיט גראָז האָבן זיך געפאַשעט די שאָף און רינדער. אָבער אויך פאַר ערדאַרבעט זיינען די בערג גוט. די ערד איז פעט און פרוכטבאַר, און זי גיט אַרויס אַ סך ווייץ און קאָרן. עס וואַקסן אין לאַנד אויך אָליוון-ביימער און פייגן-



יהושוע פירט אַריבער די ייִדן דעם ירדן

ביימער. אַ גרויסן טייל פֿון לאַנד האָבן די ייִדן פֿאַרפֿלאַנצט מיט אָליוון־גערטנער און ווײַן־גערטנער.

אַרום כּנען זײַנען געווען נאָך לענדער. אין די לענדער אַרום כּנען האָבן געוואוינט פֿאַרשיידענע פֿעלקער. מיט אַט די לענדער און פֿעלקער האָבן זיך די ייִדן אָפֿט באַגעגנט.

לערנט דאָס אויס אויף אויסווייניק:

יהושוע האָט געטאָן פֿאַר די ייִדן צוויי גרויסע זאַכן:

1. ער האָט זיי אַרײַנגעפֿירט אין לאַנד כּנען.
2. ער האָט צעטיילט צווישן זיי דאָס לאַנד.

געפֿינט אין די דרײַ ווערטער דעם ריכטיקן ענטפֿער און שטרייכט אים אונטער:

1. דער נאָמען פֿון טײַך, וואָס לויפֿט דורך אין מיטן לאַנד, איז מצרים. ירדן. כּנען.
2. ווען די ייִדן זײַנען אַרײַן אין כּנען, זײַנען אַ סך געבליבן אין: מזרח. צפֿון. עבֿר הירדן.
3. אין מערבֿ־זײַט פֿון כּנען ליגט דער מיטללענדישער מדבר. ים. שבט.

קאפיטל V.

די צייט פון די שופטים (שויפטים)

1. די יידן זיינען ניט פאראייניקט

מיר ווייסן שוין, אז די יידן האבן געוואוינט אין כנען, און אויף א שטיק לאנד אין עבר הירדן.

יהושוע איז געווען א געטרייער פירער. ער האט געוואלט, אז די יידן זאלן זיך ניט קריגן צווישן זיך. האט ער געזען, אז יעדער שבט זאל האבן זיין אייגן שטיק לאנד.

יהושוע האט געמיינט גוט. אבער שפעטער איז ארויסגעקומען שלעכט. די ארומיקע פעלקער האבן געוואלט די יידן שלעכטס טאן — און די שבטים זיינען ניט געווען פאראייניקט. יעדער שבט האט נאר געטראכט פון זיין היים, פון זיין שטיק לאנד. ער האט ניט געזארגט פארן צווייטן שבט.

אבער, עס זיינען געווען נאך סיבות פאר וואס די שבטים זיינען ניט געווען פאראייניקט.

לאמיר אויסרעכענען אלע סיבות:

א) יעדער שבט האט געטראכט וועגן זיין היים און זיין שטיק לאנד.

ב) די וועגן זיינען געווען שלעכט. עס איז געווען שווער צוצוקומען פון איין שטיק לאנד צום צווייטן.

ג) עס זיינען געבליבן אין לאנד א סך כנענים (קנאנים). זיי האבן געוואוינט אין שטעט און אין דערפער, וואס זיינען געלעגן צווישן איין יידיש שטיק לאנד און דעם צווייטן. ווען איין שבט האט אפילו געוואלט העלפן דעם צווייטן, איז אים שווער געווען דורכצוגיין דורך די שטעט און דערפער פון די כנענים.

ד) שפעטער, נאך יהושועס טויט, האבן די יידן ניט געהאט קיין גרויסן פירער. זיי האבן מערניט גע-

האָט אַזאַ געטרייַען פירער ווי משה. זיי האָבן אויך ניט געהאַט אַזאַ מוטיקן פירער ווי יהושוע.

אַז די ייִדן זייַנען ניט געווען פאַראייניקט, האָבן זיי ניט געלעבט ווי ברידער פון איין פאָלק. אַ סך פון זיי האָבן אויפֿגעהערט דינען דעם ייִדישן גאָט יהוה (יאַווע). זיי האָבן געדינט דעם גאָט פון די כנענים, דעם בעל (באַאַל). איצט זייַנען דאָך מערסטע ייִדן געווען ערד־אַרבעטער. האָבן די כנענים צו זיי געזאָגט:

— „אונדזער גאָט בעל איז דער בעסטער גאָט. ער מאַכט פרוכטבאַר די ערד. מאַכט זיך אויך אַ בעל און דינט אים, וועט ער אייַך העלפן. ער וועט אייַך געבן גענוג ווייץ און קאָרן, און פייַגן און ווייַן און אָליוון. ער וועט בענטשן אייַער ערד און איר וועט לעבן גליקלעך."

האָבן אַ סך ייִדן אַזוי געטאָן. זיי האָבן געדינט דעם בעל און געלעבט ווי די כנענים. זיי האָבן ניט געלעבט ווי איין פאָלק. זיי זייַנען ניט געווען פאַראייניקט.

דאָס איז געווען מיט אַ דרייַ טויזנט יאָר צוריק.

פאַר וואָס זייַנען די ייִדן ניט געווען פאַראייניקט נאָך יהושועס טויט?

ערשטע אורזאַך: ______ דריטע אורזאַך: ______
צווייטע אורזאַך: ______ פערטע אורזאַך: ______

2. דער שופט — ווער איז ער געווען?

פון צייַט צו צייַט האָבן זיך די ייִדן געמוזט פאַראייניקן. דאָס איז געווען דעמאָלט, ווען עס איז אָנגעפאַלן אויף זיי אַ שטאַרקער שונא (סוינע). דעמאָלט האָבן זיך אַמאָל פאַראייניקט צוויי־דרייַ שבטים, און אַמאָל מער. זיי האָבן אויך אויסגעקליבן אַ פירער, וואָס זאָל זיי פירן אין מלחמה קעגן שונא. אַזאַ פירער האָבן זיי גערופן שופט, ריכטער.

וואָס האָט געטאָן דער שופט? ער האָט געפירט די שבטים אין קריג. ער איז געווען זייער קריגספירער. אָבער אַז ער איז געקומען פון דער מלחמה, האָט ער ניט פאַרלאָזן זײַן פאָלק, נאָר ער איז שוין אויך אויף ווײַטער געבליבן דער שופט פון די ייִדן.

אויב אַ שונא איז שפּעטער ווידער אָנגעפאַלן, איז דער שופט ווידער געגאַנגען אין קריג. ער איז ווידער געוואָרן דער קריגספירער. און אויב עס איז געווען שלום, איז דער שופט געווען אַ ריכטער. ער האָט געזען, אַז עס זאָל זײַן שלום (שאָלעם) צווישן די ייִדן, אַז זיי זאָלן זיך ניט קריגן. ער האָט זיי געמשפט (געמישפּעט), ווי אַ ריכטער. ער האָט זיי געגעבן עצות (אייצעס). ער האָט זיי געלערנט וואָס ס'איז גוט און וואָס ס'איז שלעכט, און געזען, אַז זיי זאָלן לעבן שיין און ערלעך.

אין יענער צײַט האָבן די ייִדן געהאַט אַ סך צרות פון די אַרומיקע שונאים (סאָנים). די פעלקער פון אַרום פלעגן באַפאַלן די ייִדישע שטעט און דערפער. זיי האָבן געוואָלט צונעמען בײַ די ייִדן דאָס לאַנד. אַ סך צרות האָבן די ייִדן געהאַט פון אַ וואַנדערפאָלק אין מדבר. די וואַנדערער פלעגן באַפאַלן די ייִדישע פעלדער. זיי פלעגן אָנקומען בײַ נאַכט מיט קעמלען און וועגענער, אַוועקנעמען פון די ייִדישע פעלדער די שאַף און די תבואות (טוואוּעס) און אַנטלויפן. די ייִדישע פויערים זײַנען שטאַרק פאַראַרעמט געוואָרן. זיי האָבן אַפילו ניט געהאַט וואָס צו עסן. האָבן זיי געוואָלט זיך פאַראייניקן מיט אַנדערע שבטים. זיי האָבן געוואָלט גיין אין מלחמה קעגן זייערע שונאים.

אָט אין אַזוינע צײַטן פלעגט אויפשטיין אַ שופט. דער שופט פלעגט די ייִדן פאַראייניקן און זיי פירן אין דער מלחמה קעגן זייערע שונאים.

ווען די שבטים האָבן געוואונען די מלחמה, איז דער שופט געבליבן זייער פירער אַ לענגערע צײַט. דעמאָלט

זײַנען די שבֿטים געבליבן פֿאַראײניקט. װען זײ זײַנען געװען פֿאַראײניקט, האָבן זײ אױך פֿאַרלאָזט דעם פֿרעמדן גאָט בעל, און זיך אומגעקערט צום ייִדישן גאָט יהוה (יאַװע).

דרײַצן שופֿטים האָבן די ייִדן געהאַט. די גרעסטע פֿון זײ זײַנען געװען:

א) די פֿרױ דבֿורה (דװאָירע).
ב) גדעון (גידױן).
ג) שמשון הגבור (שימשען האַגיבער — שמשון דער העלד).

װער זײַנען געװען די דרײַ העלדן? װאָס האָבן אָט די העלדן געטאָן פֿאַר אונדזער פֿאָלק? לאָמיר זען.

פֿאַרענדיקט די זאַצן

1. די שבֿטים האָבן זיך פֿאַראײניקט װען ————————
2. אין מלחמה־צײַט האָט דער שופֿט געפֿירט די ————
3. אין שלום־צײַט איז דער ————————
4. די דרײַ גרעסטע שופֿטים זײַנען געװען: 1) ———— 2) ———— 3) ————

3. די העלדישע פֿרױ דבֿורה

די כּנענים האָבן ניט ליב געהאַט די ייִדן. זײ האָבן זײ געװאָלט אַרױסטרײַבן פֿון כּנען. אָבער זײ האָבן ניט געקענט. די ייִדן האָבן געקעמפֿט װי העלדן, װען דער שונא פֿלעגט זײ באַפֿאַלן.

בײַ די כּנענים איז אױפֿגעקומען אַ שטאַרקער קיניג, װאָס האָט געדריקט די ייִדן און אָנגעװאָרפֿן אױף זײ אַ שרעק. צװאַנציק יאָר זײַנען די ייִדישע שבֿטים געװען צו אים אונטערטעניק. ער האָט אַלע כּנענים פֿאַראײניקט. ער האָט געהאַט נײַן הונדערט אײַזערנע רײַטװעגן און גוטע גענעראַלן. זײַן גרעסטער און קליגסטער גענעראַל איז געװען סיסרא (סיסרע). די ייִדן האָבן אַזױ געציטערט פֿאַר די כּנענים,

אַז זיי האָבן מורא געהאַט צו גיין אויף די וועגן פֿון איין דאָרף צום אַנדערן.

דאַן איז אויפֿגעשטאַנען אַ ייִדישער שופֿט, די פֿרוי דבֿורה. זי איז געווען זייער קלוג און מוטיק. זי האָט געזען ווי איר פֿאָלק לײַדט און זי האָט אים געוואָלט העלפֿן.

האָט זי געשיקט רופֿן צו זיך אַ ייִדישן העלד מיטן נאָמען ברק (באַראַק) און האָט צו אים געזאָגט:

— „הער, ברק. דו ביסט קלוג און שטאַרק און דו האָסט ליב דײַן פֿאָלק. העלף אים אין זײַן נויט! נעם צונויף צען טויזנט ייִדן און גיי מיט זיי אַרויף אויפֿן באַרג תּבֿור (טאָווער). דער גענעראַל סיסרא גרייט זיך צו קומען מיט זײַן אַרמיי אין דעם טאָל לעבן באַרג. ער וויל פֿון דאָרט אָנפֿאַלן אויף די ייִדישע שבֿטים. גייט, און איר וועט די אַרמיי דאָרט באַגעגענען."

האָט ברק געבעטן דבֿורהן, אַז זי זאָל אויך גיין אין דער מלחמה, כּדי די ייִדן זאָלן זיך פֿילן מוטיקער. איז דבֿורה אויך געגאַנגען.

סיסרא האָט צונויפֿגענומען זײַן גרויסע אַרמיי און די נײַן הונדערט רײַטוועגן און איז געקומען אין טאָל אַרײַן אונטער דעם באַרג תּבֿור. דבֿורה איז געשטאַנען אויפֿן באַרג. זי האָט גערעדט צו ברקן און צו די ייִדן און האָט מיט אירע קלוגע רייד זיי דערמוטיקט. די כּנענים האָבן פֿון גאָרניט געוואוסט. מיט אַ מאָל האָבן די ייִדן זיך אַ לאָז געטאָן אויף די כּנענים מיט ווילדע געשרייען. און דאָ פּלוצעם איז אין טאָל געוואָרן אַ שטורעם און ס'האָט אָנגעהויבן גיסן אַ גרויסער שלאַקס־רעגן. סיסרא האָט זיך צעטומלט. זײַן אַרמיי האָט אָנגעהויבן צו אַנטלויפֿן אין אַלע זײַטן. און פֿון דעם שלאַקסרעגן איז געוואָרן אַ טיפֿע בלאָטע און די רײַטוועגן זײַנען דאָרט געבליבן שטעקן. זײַנען די כּנענים אַנטלאָפֿן צו פֿוס און די ייִדן זײַנען זיי נאָכגעלאָפֿן און צעשלאָגן.

ס'איז געווען אַ גרויסער זיג. דער גענעראַל סיסרא איז געפאַלן טויט. טויזנטער כּנענים זײַנען דעמאָלט געפאַלן. זיי האָבן שוין קיין מאָל מער קיין קיניג ניט געהאַט און האָבן די ייִדן מערניט געדריקט.

נאָך דעם האָבן די ייִדן געלעבט גליקלעך אַ לאַנגע צײַט. זיי האָבן אַװעקגעװאָרפן דעם גאָט בעל און געלעבט ווי זייערע עלטערן אַמאָל. און דער נאָמען פון דער העלדישער דבורה איז געבליבן באַליבט בײַ דעם ייִדישן פאָלק אויף אייביק.

דבורהס ליכט

(לעגענדע)

דבורה איז געווען זייער אַ רײַכע פרוי. זי האָט געהאַט אַ סך ווײַנגערטנער און פעלדער מיט טייטלביימער און אייל־בערטביימער. זי האָט אויך געלעבט אין אַ גרויסן, רײַכן הויז.

אָבער דבורה האָט ניט גענומען דאָס גאַנצע רײַכקייט פאַר זיך. זי האָט אַוועקגעגעבן אַ סך געלט פאַר אָרעמע. ווען זי האָט געהערט, אַז אַ רײַכער קריגט זיך מיט אַן אָרעמאַן, האָט זי זיי גערופן צו זיך און געמאַכט שלום צווישן זיי. נאָך דעם האָט זי געהאָלפן דעם אָרעמאַן.

דבורה איז געווען זייער קלוג און געלערנט. אָבער איר מאַן האָט גאָרניט געקענט לערנען. האָט דבורה צו אים געזאָגט:

— „הער, מײַן מאַן. אין דער שטאָט שילה (שילוי) שטייט דער טעמפּל וואו עס געפינט זיך די תּורה. דאָרט איז דאָ אַ הייליקער מאַן, וואָס קען גוט לערנען. גיי קיין שילה און לערן זיך בײַ אים תּורה. און נאַ דיר, מײַן מאַן, ליכט פאַרן טעמפּל. די ליכט האָב איך אַליין געמאַכט. דו וועסט זיי געבן דעם הייליקן מאַן. ער וועט זיי אָנצינדן, וועט זײַן ליכטיק אין טעמפּל און די ייִדן וועלן קענען לערנען תּורה.

איז דבורהס מאַן געגאַנגען קיין שילה. ער איז דאָרט געווען אַ שטיק צײַט און האָט געלערנט תּורה בײַ דעם הייליקן מאַן. און דבורה האָט אַלע מאָל צוגעשיקט נײַע ליכט פאַרן הייליקן טעמפּל. אַלע מאָל האָט זי צוגעשיקט אַלץ גרעסערע, דיקערע און שענערע ליכט.

איז דבֿורהס נאָמען געוואָרן באַליבט בײַ די ייִדן.
איין מאָל איז דבֿורה געקומען אין טעמפּל אַרײַן. האָט דער הייליקער מאַן זי געבענטשט און געזאָגט:

— „דערפֿאַר וואָס דו, דבֿורה, מאַכסט ליכט צו באַ־שײַנען די תּורה, זאָל דײַן גוטער נאָמען באַשײַנען די ייִדן און קיין מאָל ניט פֿאַרגעסן ווערן.״

נאָך דעם איז די קלוגע דבֿורה געוואָרן אַ שופֿט. זי האָט געמשפּט די ייִדן. זי איז אַפֿילו געגאַנגען מיט זיי אין מלחמה קעגן דעם קיניג פֿון כּנען.

דבֿורה זינגט דאָס ליד פֿון זיג איבער די כּנענים

4. דער העלד גדעון

מיר ווייסן שוין, אַז די כּנענים האָבן געוואָלט שלעכטס טאָן די ייִדן. אָבער אויך אַנדערע פֿעלקער אַרום כּנען זײַנען געווען שׂונאים פֿון אונדזער פֿאָלק. זיי האָבן געוואָלט פֿאַר־כאַפּן דאָס ייִדישע לאַנד און אַרויסטרײַבן פֿון דאָרט די ייִדן. אַזאַ שׂונא איז געווען אַ פֿרעמדער שבֿט וואָס האָט געלעבט פֿון יענער זײַט ירדן, אין מדבר. דאָס איז געווען אַ גרויסער און שטאַרקער שבֿט. יעדן זומער פֿלעגן די מענטשן פֿון פֿרעמדן שבֿט קומען מיט קעמלען אויף די ייִדישע פֿעלדער, און אַוועק־נעמען די תּבֿואה. זיי פֿלעגן אויך אַוועקפֿירן מיט זיך די ייִדישע שאָף און רינדער. די ייִדישע ערד־אַרבעטער זײַנען געוואָרן אָרעם. זיי האָבן מערניט געהאַט קיין ברויט.

אַזוי האָבן די ייִדן געליטן יאָר נאָך יאָר.

וואָס האָבן זיי געקענט טאָן? די העלדישע פֿרוי דבֿורה איז שוין געווען טויט. זיי האָבן ניט געהאַט קיין שופֿט, קיין פֿירער. האָבן זיי געמאַכט גריבער אין דער ערד און דאָרטן באַהאַלטן די תּבֿואה.

אין אָט די שלעכטע טעג האָט זיך באַוויזן דער יונגער העלד גדעון. זײַן טאַטע און ער זײַנען געווען ערד־אַרבעטער, פּויערים. זיי האָבן אויך געליטן פֿון דעם מדבר־שבֿט. גדעון איז געווען אַ שטאַרקער, מוטיקער יונגערמאַן און ער האָט געוואָלט העלפֿן זײַן פֿאָלק.

גדעון האָט געוואָלט, אַז די ייִדן זאָלן זײַן פֿאַראייניקט ווי איין פֿאָלק, דינען איין גאָט, און לעבן ווי זייערע עלטערן אַמאָל. האָט ער אין אַ בײַ נאַכט צונויפֿגענומען נאָך יונגע מענטשן און זיי האָבן צעבראָכן דעם גרויסן, שטאָטישן מזבח פֿון דעם בעל. נאָך דעם האָט מען שוין אין אַנדערע שטעט און דערפֿער אויך אַזוי געטאָן.

נאָך דעם האָט גדעון צונויפֿגערופֿן די ייִדן, אַז זיי זאָלן גיין אין מלחמה קעגן דעם מדבר־שבֿט. טויזנטער ייִדן זײַנען

געקומען. אָבער גדעון האָט אויסגעקליבן די בעסטע עטלעכע הונדערט. די איבעריקע האָט ער געשיקט אַהיים. מיט אָט די עטלעכע הונדערט העלדישע ייִדן איז ער באַפֿאַלן דעם מדבר־שבֿט און האָט געהאַט אַ גרויסן זיג.

די ייִדישע שונאים זײַנען אַנטלאָפֿן. אָבער די ייִדישע אַרמיי האָט זיי נאָכגעיאָגט. אויפֿן וועג זײַנען געקומען צו הילף נאָך ייִדן, און מ'האָט דעם שונא פֿאַרטריבן אין מדבר אַרײַן. דער זיג איז געווען זייער אַ גרויסער. צענדלינגער יאָרן נאָך דעם האָבן די ייִדן געלעבט רואיק אין לאַנד.

די ייִדן זײַנען זייער דאַנקבאַר געווען גדעונען. זיי האָבן געוואָלט, אַז דער גרויסער העלד זאָל ווערן זייער קיניג, אָבער ער האָט ניט געוואָלט. ער איז געבליבן אויך אויף ווײַטער בלויז אַ שופֿט, און האָט אויך ווײַטער מיטן גאַנצן האַרצן געהאָלפֿן זײַן פֿאָלק.



גדעון קלייבט אוים עטלעכע הונדערט העלדן

אַ הייליקער מאַן באַווייזט זיך פֿאַר גדעונען

(לעגענדע)

אין די טעג פֿון גדעון איז די ייִדן געווען זייער שלעכט. אַלע מאָל איז געקומען אויף די ייִדישע פֿעלדער אַ מדבר־שבֿט. ער האָט אַ סך תּבֿואות (טוואועס) צעשטערט, אַ סך תּבֿואות צוגענומען. די ייִדן האָבן ניט געהאַט וואָס צו עסן.

איין מאָל זײַנען גדעון און זײַן פֿאָטער געווען אין פֿעלד. זיי האָבן אויסגעקלאַפּט מיט אַ שטעקן ווייץ און דורכגעזיפּט מיט אַ זיפּ. האָט גדעון געזאָגט צו זײַן פֿאָטער:

— „גיי, ליבער פֿאָטער, אַהיים. דו ביסט שוין אַלט און דו האָסט ניט קיין כּוח (קויעך). די שונאים קענען פּלוצעם אָנקומען און דיר שלעכטס טאָן.“

האָט דער פֿאָטער געענטפֿערט:

— „מיר האָבן דאָך אָבער ניט קיין ברויט אין הויז, מײַן זון. און איך האָב מורא דיך צו לאָזן אַליין.“

— „איך וועל אַליין אויסקלאַפּן דעם ווייץ און דורכזיפּן“, — האָט גדעון זיך געבעטן, — „און דו דאַרפֿסט ניט קיין מורא האָבן מיך צו לאָזן אַליין. איך האָב ניט קיין מורא. גיי, טאַטע, אַהיים.“

אַז דער פֿאָטער איז אַוועקגעגאַנגען, האָט גדעון דער־זען אַן אַלטן מאַן. דער אַלטער האָט געזאָגט:

— „הער, גדעון. דערפֿאַר וואָס דו האָלטסט אַזוי טײַער דײַן אַלטן פֿאָטער, און דו האָסט אויך ניט קיין מורא פֿאַר די ייִדישע פֿײַנד, וועסטו ווערן אַ פֿאָטער פֿון דײַן פֿאָלק און קעמפֿן פֿאַר זײַן פֿרײַהייט.“

— „יאָ, הייליקער מאַן“, — האָט גדעון געענטפֿערט, — „אונדזערע שונאים טוען אונדז אַ סך שלעכטס. איך בין גרייט צו העלפֿן מײַן פֿאָלק. אָבער אויב גאָט וויל העלפֿן די ייִדן דורך מיר, גיב מיר אַ סימן: אָט האַלט איך אין האַנט אַ ביסל וואָל פֿון שאָף. איך וועל די וואָל אַוועקלייגן. איז אויב עס וועט

אַרויפֿקומען טוי אויף די וואָל און אויף דער ערד וועט זײַן טרוקן, וועל איך וויסן, אַז גאָט וועט העלפֿן די ייִדן דורך מיר."
— „גוט", — האָט געענטפֿערט דער הייליקער מאַן.
און עס איז אַזוי געשען.
נאָך דעם האָט גדעון זיך אָנגענומען מיט מוט, און ער איז געוואָרן דער שופֿט פֿון די ייִדן.

5. שמשון הגבור

אונטן אין מערבֿ־זײַט, בײַם ברעג פֿון מיטללענדישן ים, האָט געלעבט דאָס שטאַרקע פֿאָלק פּלשתּים. אָט די פּלשתּים זײַנען געווען די שטאַרקסטע שונאים פֿון די ייִדן. זיי זײַנען געקומען פֿון די אינדזלען אין מיטללענדישן ים. זיי זײַנען שוין לאַנגע יאָרן געזעסן בײַ די ים־ברעגן. זיי זײַנען געוואָרן מער און מער און האָבן פֿאַרנומען אַלץ מער ערד. איצט האָבן די פּלשתּים אָנגעהויבן שטאַרק דריקן די ייִדן.
גדעון איז שוין לאַנג געווען טויט. די ייִדן האָבן געדאַרפֿט האָבן אַ נײַעם שופֿט.
אין יענע צײַטן האָט געלעבט אַ יונגער העלד שמשון. ער איז געווען דער שטאַרקסטער ייִד פֿון אַלע ייִדן און איז געווען פֿול מיט מוט.
שמשון האָט זייער ליב געהאַט זײַן פֿאָלק. האָט ער גענומען קעמפֿן קעגן די פּלשתּים. ער האָט ניט צונויפֿגענומען קיין גרויסע אַרמיי קעגן דעם שונא אַזוי ווי די אַנדערע שופֿטים. ער האָט אַליין געקעמפֿט. מיט זײַן אייגענעם גרויסן כּוח (קויעך) האָט ער מלחמה געהאַלטן קעגן די פּלשתּים.
שמשון האָט געהאַט זײַנע אייגענע וועגן ווי צו קעמפֿן קעגן די פּלשתּים. עס ווערט דערציילט, אַז איין מאָל, האָט דער גרויסער גבור געטאָן אַזאַ זאַך: ער האָט געכאַפּט דרײַ הונדערט קליינע פֿיקסלעך און האָט זיי צונויפֿגעבונדן עק צו עק. צווישן די עקן האָט ער אַרײַנגעשטעקט אָנגעצונדענע

העלצער און ער האָט זיי אַרויפגעטריבן אויף די פעלדער פון די פלשתים. ס'איז געווען זומער און די תבואה אין פעלד איז געווען רייף. זיינען די פיקסלעך געלאָפן איבער די פעלדער און האָבן פאַרברענט די תבואות.

אָן אַנדערס מאָל האָבן די פלשתים זיך פאַרזאַמלט אין פעלד און געוואָלט כאַפּן שמשונען און אים טייטן. האָט שמשון דעמאָלט געטייט טויזנט פלשתים איינער אַליין. פון צייט צו צייט פלעגט ער אויך באַפאַלן גרופּעס פלשתים, וואָס האָבן געוואָלט שלעכטס טאָן די יידן און זיי אומברענגען.

אַזוי האָט ער געקעמפט, ביז די שונאים האָבן אים געכאַפּט און האָבן אים אויסגעשטאָכן די אויגן. אין אַ צייט אַרום האָבן די פלשתים געמאַכט אַ גרויסן יום־טוב אין אַ גרויסן זאַל. אין זאַל האָבן זיך געפונען עטלעכע טויזנט מענטשן. האָבן זיי שמשונען אַהין געבראַכט. זיי האָבן פון אים געלאַכט און ער האָט געמוזט טאַנצן פאַר זיי. פלוצעם האָט ער אָנגענומען די צוויי גרויסע, מיטלסטע זיילן פון דעם זאַל, זיי אַ שלעפּ געטאָן, און דאָס גאַנצע הויז איז איינגעפאַלן אויף די מענטשן.

טויזנטער פלשתים זיינען דעמאָלט געטייט געוואָרן. צווישן זיי איז אויך געווען אונדזער גרויסער העלד שמשון.

שמשון הגבור איז געווען אַ שופט צוואַנציק יאָר.

שמשון הגבור באַווייזט זיין כוח

(פון תנך)

שמשונס כוח

איידער שמשון איז געבאָרן געוואָרן איז געקומען אַ מלאך צו זיין מוטער און האָט איר געזאָגט, אַז זי וועט געבאָרן אַ זון, וואָס וועט זיין אַ פירער ביי זיין פאָלק. די פרוי איז געשטאַנען אין פעלד. אַז זי האָט געהערט דעם מלאכס רייד, האָט זי געזאָגט:

— „איך בעט דיך, גוטער מלאך. מײַן מאַן איז אין שטוב. איך װעל אים רופֿן. זאָל ער אױך הערן די גוטע נײַעס.“

און זי איז געלאָפֿן און האָט גערופֿן איר מאַן אין פֿעלד אַרײַן.

האָט דער מלאך װידער געזאָגט:

— „איר זאָלט װיסן, אַז בײַ אײַך װעט געבױרן װערן אַ זון, װאָס װעט זײַן אַ פֿירער בײַ זײַן פֿאָלק. היט אים אָפּ! ער װעט זײַן אַ גרױסער גבור. אָבער ער זאָל זיך ניט שערן די האָר פֿון זײַן קאָפּ און ניט טרינקען קײן שאַרפֿע געטראַנקען.“

— „מיר װעלן דאָס געדענקען!“ — האָבן געענטפֿערט די עלטערן.

און דער מלאך איז אַװעק.

נאָך דעם איז אַזױ געשען. שמשון האָט זיך ניט געשאָרן די האָר פֿון זײַן קאָפּ, האָט ניט געטרונקען קײן שאַרפֿע געטראַנקען און איז אױסגעװאַקסן אַ גרױסער גבור. ער איז געװען דער שטאַרקסטער מענטש פֿון אַלע מענטשן אַרום אים.

אײן מאָל איז שמשון אַרױסגעגאַנגען אין פֿעלד. פּלוצעם איז ער געװאָרן אומרואיק. ער האָט דערפֿילט אַ שטורעם אין זיך. איז ער צוגעגאַנגען צו אַ בערגל, האָט עס אַרױסגעריסן און צעריבן אױף שטיקער.

אַן אַנדערס מאָל, װען שמשון איז געגאַנגען אין פֿעלד, האָט ער פּלוצעם דערזען אַ יונגן לײב. דער לײב איז געגאַנגען גלײַך אַנטקעגן שמשונען. אַז שמשון האָט דאָס געזען איז ער געלאָפֿן גלײַך אַנטקעגן לײב, האָט זיך גענומען ראַנגלען מיט אים ביז ער האָט דעם לײב צעריסן.

אײן מאָל איז שמשון געקומען אין אַ שטאָט פֿון די פּלשתּים

און האָט דאָרטן גענעכטיקט. האָבן די פּלשתּים זיך פֿון דעם דערוואוסט און האָבן אים געוואָלט הרגענען. האָבן זיי זיך פֿאַרזאַמלט אין דרויסן און געוואַרט אויף אים. שמשון האָט זיך פֿון דעם דערוואוסט. איז ער אין מיטן נאַכט שטיל אַוועק צום גרויסן אײַזערנעם טויער פֿון שטאָט, און האָט געוואָלט

שמשון צערײַסט דעם יונגן לייב

דורכגיין. אָבער דער אײַזערנער טויער איז געווען פֿאַרשלאָסן. האָט שמשון אויפֿגעהויבן דעם אײַזערנעם טויער, גענומען אים אויף די פּלייצעס און איז זיך אַוועקגעגאַנגען.

איין מאָל האָבן אַ פּאָר טויזנט פּלשתּים אים אַרומגעזוכט. האָבן זיי אים געפֿונען אין פֿעלד און האָבן אים געוואָלט הרגענען. האָט שמשון דערזען אויף דער ערד אַ גרויסן באַקביין פֿון אַן אייזל. האָט ער געכאַפּט דעם באַקביין און האָט מיט אים צעשלאָגן טויזנט פּלשתּים, און די איבעריקע זײַנען אַנטלאָפֿן.

אַז שמשון האָט אַוועקגעוואָרפֿן דעם באַקביין און זיך געזעצט אָפּרוען, איז אים געוואָרן היים. ער האָט געוואָלט טרינקען וואַסער. ער איז געוואָרן אַזוי דורשטיק, אַז ער האָט געפֿילט ווי עס גייען אים אויס די כּוחות. דאָ האָט ער דערזען ווי פֿון דעם אייזלס באַקצאָן רינט אַ פֿרישער וואַסערקוואַל. איז ער צוגעלאָפֿן, זיך גוט אָנגעטרונקען, און איז ווידער געוואָרן שטאַרק ווי פֿריִער.

שמשונס טרויעריקער סוף

שמשונס סוף איז געווען אַ טרויעריקער. ער האָט אויסגעזאָגט זײַן פֿאַלשער פֿרוי, וואָס האָט געשטאַמט פֿון די פּלשתּים, דעם סוד, אַז ווען מען וואָלט אים אָפּגעשאָרן פֿון קאָפּ די האָר וואָלט ער פֿאַרלאָרן זײַן כּוח.

האָט די פֿאַלשע פֿרוי אים אָפּגעשאָרן זײַנע האָר פֿון קאָפּ. דאַן האָבן די פּלשתּים אים געכאַפּט. זיי האָבן אים אויסגעשטאָכן די אויגן, אים געבונדן מיט אײַזערנע קייטן, און אים אַרײַנגעוואָרפֿן אין אַ תּפֿיסה (טפּיסע), וואו ער האָט שווער געאַרבעט.

איין מאָל האָבן די פּלשתּים געמאַכט אַ גרויסן יום־טובֿ. עס זײַנען געקומען טויזנטער פּלשתּים. צו דעם יום־טובֿ האָבן זיי געבראַכט שמשונען. ער האָט געטאַנצט און געשפּרונגען פֿאַר זיי, און זיי האָבן זיך געפֿרייט און געלאַכט. דאָ האָט שמשון זיך אַ ווײַלע אָפּגערוט. ער איז געשטאַנען לעבן די צוויי מיטלסטע זײַלן וואָס דאָס הויז האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויף זיי. פּלוצעם האָט שמשון דערפֿילט אין זיך זײַן אַמאָליקע שטורעמדיקע קראַפֿט. האָט ער אַ שלעפּ געטאָן די זײַלן, און דאָס הויז איז אײַנגעפֿאַלן אויף אים און אויף אַלע מענטשן.

שמשון איז געווען אַ גרויסער גבור. ער איז צוואַנציק יאָר געווען דער שופֿט פֿון די ייִדן — אָבער ער איז געווען זייער באַשיידן. ער האָט אַלעמען אָפּגעגעבן כּבֿוד, האָט אַליין



שמשון רײַסט אויס דעם אײַזערנעם טויער און טראָגט אים אַוועק

געטאָן זײַן אַרבעט און האָט געלעבט ווי אײנער פֿונעם פֿאָלק.

דאָס ייִדישע פֿאָלק האָט זײער ליב געהאַט שמשון הגבור. זײַן נאָמען איז געבליבן באַליבט ביז הײַנטיקן טאָג.



שמשון צעשטערט דעם טעמפּל פֿון די פּלשתּים

קאפיטל VI.

דאָס לעבן פון די יידן אין כנען

1. אַ נײַ לעבן

אונדזער פֿאָלק האָט אין כנען געלעבט אויף אייגענער ערד. עס האָט געהאַט אַן אייגן לאַנד. עס האָט שוין געלעבט דאָרט אַריבער דרײַ הונדערט יאָר. אָבער ווי אַזוי האָט אונדזער פֿאָלק געלעבט אין כנען? ווי אַזוי האָבן די ייִדן געלעבט פֿון טאָג צו טאָג?

אין מדבר האָבן זיי אַרומגעוואַנדערט מיט שאָף און זײַנען געווען פּאַסטעכער. אָבער אין כנען האָבן זיי זיך באַזעצט אין דערפֿער און זײַנען געוואָרן ערדאַרבעטער, פּויערים. איז זייער לעבן געוואָרן אַנדערש. זיי האָבן אויפֿגעבויט הײַזער פֿון האָלץ און שטיין. זיי האָבן געהאַט פֿעלדער מיט ווייץ און קאָרן. זיי האָבן געהאַט גערטנער פֿון גרינס, פֿרוכט־גערטנער און ווײַנגערטנער. פֿון די כנענים האָבן זיי זיך אויסגעלערנט ווי צו מאַכן ווײַן און אייל, ווי צו אַקערן די ערד און ווי צו באַאַרבעטן די גערטנער. זיי האָבן געהאַט אָקסן צו שלעפּן זייער אַקער, און אייזלען צו פֿירן זייערע שווערע זאַכן. און אויף די פֿעלדער האָבן זיך געפּאַשעט זייערע שאָף.

אָבער ניט אַלע ייִדן זײַנען געוואָרן פּויערים. אַ סך ייִדן זײַנען געבליבן פּאַסטעכער, ווי אַמאָל אין מדבר. אָבער אויך זיי האָבן געלעבט בעסער ווי אַמאָל. זיי האָבן געהאַט אַ שטענדיקע היים. זייערע שאָף אויף די בערג און אין די טאָלן האָבן זיך געפּאַשעט אַרום זייערע שטיבער.

ביסלעכווײַז האָבן די ייִדן זיך אָנגעהויבן פֿאַרנעמען אויך מיט האַנדל. זיי האָבן גענומען בויען קלענערע און גרעסערע שטעט און האָבן דאָרט געהאַנדלט. זיי האָבן געקויפֿט און פֿאַרקויפֿט. זיי האָבן געהאַנדלט מיט האָניק, אייל, טעפּעכער,

קליידער, פּערל, געפֿעס, מעבל. אַנדערע האָבן געאַרבעט. זיי זײַנען געוואָרן באַלמעלאָכעס. זיי זײַנען געווען בוי־מײַסטערס, סטאָליאַרעס, שוסטערס, שמידן און טעפּערס.

2. אַ ייִדישער יום־טובֿ

אַז ס'איז געקומען אַ ייִדישער יום־טובֿ איז געווען פֿריי־לעך בײַ די ייִדן. יום־טובֿ האָט מען ניט געאַרבעט. ייִדן האָבן דעמאָלט געהאַט דרײַ יום־טובֿים: פּסח, שבֿועות און סוכּות. אַחוץ וואָס אָט די יום־טובֿים האָבן זיי דערמאָנט אָן זייער אַמאָליקן לעבן, זײַנען זיי אין לאַנד אויך ביסלעכווײַז געוואָרן נאַטור־יום־טובֿים.

פּסח איז געוואָרן דער יום־טובֿ פֿון פֿרילינג, ווען עס הייבט אָן וואַקסן אויפֿן פֿעלד די תּבֿואה (טוואוע).

שבֿועות, דער יום־טובֿ פֿון די זומערטעג, ווען מ'הייבט אָן שנײַדן די תּבֿואה.

סוכּות, דער יום־טובֿ פֿון די האַרבסטטעג, ווען אַלץ ווערט אײַנגעזאַמלט.

די ייִדישע פּויערים זײַנען אין אָט די טעג געווען זייער פֿריילעך. זיי פֿלעגן זיך צונויפֿקומען פֿון עטלעכע נאָענטע דערפֿער אין איין דאָרף אַרײַן. דאָרטן האָט מען אָפּגעבראָטן אויפֿן פֿײַער אַן אָקס אָדער אַ שעפּס, אַ קרבן צו גאָט, און זיך אַוועקגעזעצט אויף דער ערד עסן. מ'האָט געגעסן, פֿאַרטרונ־קען מיט ווײַן, גערעדט וועגן ייִדישן לעבן און זיך פֿריילעך געמאַכט. ווער ס'האָט גענומען שפּילן אויף אַ האַרף, ווער אויף אַ פֿלייט. אַנדערע האָבן אויך געשפּילט אויף פּויקן, טראָמ־פּייטן און צימבלען. און דער עולם, אַלט און יונג, האָט געטאַנצט און געזונגען. מ'האָט געזונגען לידער פֿון דאַנק און לויב צו גאָט, און לידער פֿון ערד און אַרבעט.

אַזוי האָט מען פֿאַרבראַכט דעם יום־טובֿדיקן טאָג אין פֿרייד און אין גליק.

3. דער גלויבן אין בעל

ביסלעכווײַז האָט דער גלויבן אין בעל זיך פֿאַרשפּרייט צווישן אַלץ מער און מער ייִדן. אַ סך ייִדישע פּויערים, וואָס האָבן זייער ליב געהאַט זייער ערד, האָבן אָנגעהויבן צו גלייבן, ווי די כּנענים, אַז דער בעל מאַכט פֿרוכטבאַר די ערד און איז אַ גרויסער גאָט.

האָבן אַ סך ייִדן, פּונקט ווי די כּנענים, געדינט צום בעל אויף בערגלעך. די בערגלעך האָבן זיי גערופֿן במות (באָמעס). אויף די במות האָבן זיי געבראַכט צום בעל קרבנות (קאָר־באָנעס). זיי האָבן געבעטן צום בעל ער זאָל זיי שיקן אַ גערע־טעניש אויף די פֿעלדער.

אָבער אַז זיי האָבן געדאַרפֿט גיין אין מלחמה קעגן אַ שונא, האָבן זיי זיך דערשראָקן און זײַנען געוואָרן בעסערע ייִדן. זיי האָבן זיך דערמאָנט אָן דעם אַלטן, שטאַרקן גאָט, וואָס האָט אַרויסגענומען זייערע עלטערן פֿון עגיפּטן און האָט זיי געגעבן די תּורה. דעמאָלט האָבן זיי געבעטן יהוהן (יאַווען), אַז ער זאָל זײַן גוט צו זיי, און זאָל זיי העלפֿן, ווי ער האָט געהאָלפֿן זייערע עלטערן.

דאָס איז געווען זייער ניט גוט פֿאַר די ייִדן. דאָס דינען צו איין גאָט האָט זיי געהאַלטן אין איינעם, האָט זיי פֿאַר־אייניקט. זיי האָבן זיך געפֿילט ווי ברידער פֿון איין לאַנד, פֿון איין פֿאָלק און פֿון איין גלויבן. איצט זײַנען זיי אָפּט געווען צעטיילט. אַ טייל האָט געדינט צו יעהאָוועןַ (יאַוועןַ), און אַ טייל — צום בעל.

אַזוי האָבן די ייִדן געלעבט הונדערטער יאָרן אין דער צײַט פֿון די שופֿטים.

שרײַב אָן בײַם סוף: „ריכטיק" אָדער „ניט ריכטיק."

1. אין כּנען האָבן די ייִדישע וואַנדערער זיך באַזעצט אין דערפֿער. ————

2. אַלע שבֿטים זײַנען אַלע מאָל געווען פֿאַראייניקט. ————

3. די דרײַ ייִדישע יום־טובֿים זײַנען געווען: פּסח, שבֿועות און פּורים. ———
4. יום־טובֿ האָט מען ניט געאַרבעט. ———
5. אַלע ייִדן האָבן בלויז געדינט יהוהן (יאַווען) ———
6. דאָס דינען צו איין גאָט האָט די ייִדן דעמאָלט געהאַלטן פֿאַראייניקט. ———
7. נאָך יהושוען איז געקומען די צײַט פֿון די שופֿטים. ———

4. דער „זעער" שמואל

די שטאַרקסטע ייִדישע שׂונאים זײַנען געווען די פּלשתּים. שמשון האָט געקעמפֿט קעגן זיי. אָבער ער האָט זיי נאָר שלעכטס געטאָן. ער האָט זיי ניט געקענט באַזיגן. זיי זײַנען געוואָרן אַלץ מער און שטאַרקער. זיי זײַנען אָפֿט באַפֿאַלן די ייִדן און אַוועקגענומען בײַ זיי שטיקער לאַנד. זיי האָבן אויך אַ סך ייִדן געטייט. ייִדן האָבן געמוזט פֿירן ביטערע מלחמות מיט זיי.

אין יענער צײַט האָט אין אַ קליין שטעטל געוואוינט אַ קלוגער און זייער געלערנטער ייִד, שמואל (שמועל). די ייִדן פֿון דעם גאַנצן לאַנד פֿלעגן קומען צו אים. אַז זיי האָבן עפּעס ניט געוואוסט, אָדער עפּעס פֿאַרלאָרן, אָדער געדאַרפֿט אַן עצה (אײַצע), זײַנען זיי געגאַנגען צו שמואלן. זיי האָבן געגלייבט, אַז שמואל ווייס אַלצדינג.

די ייִדן האָבן שמואלן גערופֿן דער „זעער", ווײַל ער זעט און ווייס אַלצדינג. זיי האָבן אים זייער ליב געהאַט און זיך צוגעהערט צו אַלץ, וואָס ער האָט געזאָגט. אַלט און יונג האָבן געקענט שמואלן. ער איז אויך אָפֿט אַרומגעפֿאָרן איבערן לאַנד. ער האָט די ייִדן געמשפּט, און גערעדט צו זיי וועגן גאָט, וועגן דער תּורה, וועגן זייער לאַנד און זייער פֿאָלק.

אין שמואלס צײַט האָבן די ייִדן אַוועקגעוואָרפֿן דעם בעל און פֿאַרלאָזט די הייליקע בערגלעך, די במות. זיי האָבן געדינט גאָט מיטן גאַנצן האַרצן. אָבער די ייִדן איז אויך איצט

ניט געווען גוט. זיי האָבן ניט געהאַט קיין פירער, וואָס זאָל זיי פירן אין קריג. שמואל איז ניט געווען אַזאַ פירער. ער האָט זיי בלויז געלערנט תורה. ער האָט זיי געלערנט ווי צו לעבן ווי יידן און געמשפּט. זײַנען די פּלשתים פון צײַט צו צײַט באַפאַלן די יידן, זיי צעשלאָגן און פאַרכאַפּט שטיקער לאַנד.

אַז די יידן האָבן געזען, אַז די פּלשתים ווערן אַלץ שטאַרקער, האָבן זיי זיך געוואָלט פאַראייניקן. זיי האָבן געוואָלט האָבן אַ קיניג, וואָס זאָל זיי פאַראייניקן און זיי פירן אין מלחמה. האָבן זיי דאָס געזאָגט שמואלן. אָבער שמואל האָט געענטפערט:

— „איך דאַרף ניט קיין קיניג. דער קיניג וועט זײַן רײַך און איר — אָרעם. ער וועט אַוועקנעמען אײַערע פעלדער און ווײַנגערטנער, און וועט זיי געבן צו זײַנע נאָענטע מענטשן. ער וועט מאַכן אייערע זין פאַר קנעכט, און אייערע טעכטער פאַר דינסטן."

אָבער דאָס פאָלק איז באַשטאַנען אויף דעם, אַז עס וויל האָבן אַ מלך (מיילעך), ווי אַלע פעלקער אַרום כנען. האָט שמואל אויסגעקליבן פאַר אַ מלך אַ שטילן, ערלעכן, העלדישן יונגנמאַן. זײַן נאָמען איז געווען שאול (שאָאול).

שאולס פאָטער איז געווען אַן ערד־אַרבעטער. ער פלעגט באַאַרבעטן זײַן פעלד מיט צוויי אייזלען. איין מאָל זײַנען די צוויי אייזלען פאַרלאָרן געוואָרן. האָט דער פאָטער געזאָגט:

— „שאול, מײַן זון, מיר קענען ניט באַאַרבעטן די ערד. גיי געפין די אייזלען."

איז דער גוטער זון געגאַנגען פון פעלד צו פעלד, ביז ער איז געקומען אין שטעטל, וואו עס האָט געוואוינט דער „זעער" שמואל. האָט שאול געטראַכט: שמואל דער „זעער" איז דאָך דער וועגווייזער פון מײַן פאָלק. איך וועל גיין אים פרעגן וואָס צו טאָן.

איז שאול געגאַנגען. אויפן וועג באַגעגנט ער אַן אַלטן מאַן. פרעגט אים שאול וואו עס וואוינט שמואל דער „זעער".

— „איך בין שמואל דער „זעער", — האָט דער אַלטער מאַן געענטפערט.

שאול איז געווען זייער שיין און הויך — העכער פון אַלע ייִדן. אַז שמואל האָט זיך מיט אים צערעדט, האָט ער געזען, אַז שאול איז אַזוי קלוג און העלדיש, אַז ער וועט קענען זײַן דער קיניג און דער פירער פון די ייִדן. האָט ער באַלד צונויפגערופן אַלע ייִדן אין איין אָרט. ער האָט געזאַלבט שאולן פאַר אַ קיניג, און דאָס פאָלק האָט אויסגערופן פול מיט פרייד:

— „זאָל לעבן אונדזער קיניג! זאָל לעבן אונדזער קיניג!"

שמואל הערט די שטים פון גאָט
(לעגענדע)

איידער שמואל איז געבאָרן געוואָרן איז זײַן מאַמע געווען זייער טרויעריק. זי פלעגט אָפט וויינען וואָס זי האָט ניט קיין קינדער.

איין מאָל איז זי געקומען אין ייִדישן טעמפּל, אין אַ קליין שטעטל, און זי האָט געזאָגט צום הייליקן מאַן פון דעם טעמפּל:

— „הער, הייליקער מאַן. מײַן האַרץ איז מיר ביטער, ווײַל איך האָב ניט קיין קינדער. זאָג איך צו: אויב איך וועל האָבן אַ זון, וועל איך אים ברענגען אַהער צו דיר, אַז ער זאָל אַלע זײַנע יאָרן לערנען תּורה."

נאָך דעם האָט זי געבאָרן שמואלן.

אַז שמואל איז נאָך געווען אַ קליין ייִנגעלע, האָט די מוטער אים שוין געבראַכט אין טעמפּל אַרײַן. שמואל האָט דאָ געגעסן, געטרונקען און דאָ איז ער אויך געשלאָפן. דער הייליקער מאַן האָט אים אָפגעהיט און אים געלערנט.

אַז שמואל איז אַ ביסל אונטערגעוואַקסן, האָט ער שוין געקענט גוט לערנען. ער איז געווען שטיל, גוט און זייער קלוג און געלערנט.

איין מאָל אין אַ בײַ נאַכט, ווען שמואל איז געשלאָפֿן, האָט ער פּלוצעם געהערט אַ שטים:

— „שמואל! שמואל!"

האָט זיך שמואל אויפֿגעכאַפּט פֿונעם שלאָף. ער איז געלאָפֿן צום בעט פֿון דעם הייליקן מאַן און האָט געזאָגט:

— „אָט בין איך, ווײַל דו האָסט מיך גערופֿן."

— „גיי, לייג זיך צוריק, שמואל", — האָט דער הייליקער געזאָגט. — „איך האָב דיך ניט גערופֿן."

איז שמואל געגאַנגען צוריק צו זײַן בעט און איז ווידער אײַנגעשלאָפֿן. אָבער דאָ האָט ער ווידער דערהערט די שטים וואָס רופֿט אים און ער איז ווידער געלאָפֿן צו דעם הייליקן מאַן.

— „גיי, לייג זיך צוריק, שמואל, איך האָב דיך ניט גערופֿן", — האָט דער הייליקער ווידער געזאָגט.

אָבער די שטים האָט גערופֿן צום דריטן מאָל. אַז דער יינגל איז איצט געקומען צום הייליקן, האָט דער הייליקער געזאָגט:

— „גיי, לייג זיך צוריק, שמואל. און אויב די שטים רופֿט דיך ווידער, זאָלסטו ענטפֿערן: „רעד, מײַן גאָט, איך הער!"

נאָך דעם האָט שמואל געהערט די שטים פֿון גאָט. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל וואָס גאָט האָט גערעדט צו שמואלן.

און שמואל האָט זיך גענומען גרייטן צו ווערן דער לערער און פֿירער פֿון די ייִדן.

ענטפֿערט אויף די פֿראַגעס:

1. ווי אַזוי האָבן די ייִדן גערופֿן שמואלן?
2. פֿאַר וואָס האָבן זיי אים אַזוי גערופֿן?
3. האָט שמואל געפֿירט די ייִדן אין קריג?
4. פֿאַר וואָס האָבן די ייִדן געוואָלט אַ קיניג?
5. וואָס האָט שמואל זיי געזאָגט?
6. וואָס איז געווען דער נאָמען פֿון דעם ערשטן ייִדישן קיניג?

שטעלט אוים די זאצן אין דער ריכטיקער אָרדענונג
און שרײַבט אָן נומערן:

די ערשטע ייִדן האָבן געלעבט אין אַראַבישן מדבר.
די העלדישע פֿרוי דבֿורה האָט באַזיגט די כּנענים.
משה האָט באַפֿרײַט די ייִדן פֿון מצרים.
שאול איז געווען דער ערשטער ייִדישער קיניג.
יהושע האָט אַרײַנגעפֿירט די ייִדן אין כּנען.
שמשון הגבור האָט מלחמה געהאַלטן מיט די פּלשתּים.
פּרעה האָט געמאַכט די ייִדן פֿאַר שקלאַפֿן.

די ייִדן באַזיגן די פּלשתּים

קאַפּיטל VII.

די יידן גרינדן אַ מלוכה

1. דער ערשטער יידישער קיניג שאול

שאול איז געוואָרן דער קיניג פון די ייִדן, דער ערשטער ייִדישער מלך. ער האָט געדאַרפט פאַראייניקן די ייִדן און זיי פירן אין מלחמה קעגן זייערע שונאים.

אַז שאול איז געוואָרן קיניג, איז ער ניט אַוועקגעגאַנגען פון זיין טאַטנס הויז און פון זיין פעלד. ער איז פריער געווען אַ שטילער, ערלעכער פויער, און ער איז אַזוי געבליבן ווען ער איז געוואָרן קיניג. ער האָט ניט געוואָלט קיין רייכקייט. ער האָט ניט געוואָלט קיין פּאַלאַץ. ער האָט ניט געוואָלט קיין קנעכט. ער האָט נאָר געוואָלט העלפן זיין פאָלק.

אַז שאול איז געוואָרן קיניג, האָט געטראָפן אַזאַ זאַך:

איין מאָל ווען שאול איז געקומען אַהיים פון פעלד, זעט ער ווי ייִדן שטייען אַרום זיין טאַטנס הויז און וויינען. פרעגט ער וואָס מען וויינט. דערציילט מען אים, אַז מ'איז געקומען אים זאָגן, אַז אין אַ שטאָט, אויף יענער זייט ירדן, האָט געטראָפן מיט די ייִדן אַ גרויס אומגליק. אַ פאָלק פון מדבר האָט אַרומגערינגלט די שטאָט און וויל אויסשטעכן ביי יעדן ייִד איין אויג.

אַז שאול האָט דאָס דערהערט, האָט ער גענומען צוויי אָקסן און האָט זיי צעשניטן אויף שטיקער. ער האָט צעשיקט די שטיקער פלייש צו אַלע שבטים איבערן לאַנד און ער האָט געהייסן זאָגן די שבטים אַזוי:

„אַזוי וועט מען טאָן צו די רינדער פון די ייִדן, וואָס וועלן ניט קומען העלפן זייערע ברידער וואָס זיינען אין נויט!"

און די ייִדן זיינען געקומען. איבער דריי הונדערט טויזנט ייִדן האָבן געענטפערט דעם רוף. דער מוטיקער מלך האָט

צעטיילט די אַרמיי אויף דרײַ טיילן. אויפֿן צווייטן טאָג, גאַנץ פֿרי, זײַנען די ייִדן פּלוצעם אָנגעפֿאַלן אויף זייערע שונאים פֿון דרײַ זײַטן. טויזנטער פֿון די שונאים זײַנען געפֿאַלן טויט. די אַנדערע זײַנען אַנטלאָפֿן אין מדבר אַרײַן.

דער יונגער מלך האָט געוויזן זײַן העלדישקייט. ער האָט געהאַט דעם ערשטן גרויסן זיג.

2. שאול און די פּלשתּים

שאול איז געוואָרן קיניג אין אַ ביטערער צײַט. די פּלשתּים האָבן שטאַרק געדריקט די ייִדן. די ייִדישע פּויערים, פּאַסטעכער, באַלמעלאָכעס און הענדלער האָבן זיי געצאָלט גרויסע שטײַערן. זיי זײַנען דערפֿון פֿאַראָרעמט געוואָרן. שטיקער ייִדיש לאַנד זײַנען געווען פֿאַרנומען פֿון די פּלשתּים. זיי האָבן אויך געהאַט אין ייִדישן לאַנד זייער פֿירשט, זייער עלטסטן. דער פֿירשט האָט געזען, אַז די ייִדן זאָלן זיך ניט פֿאַראייניקן אין אַ קאַמף קעגן די פּלשתּים. ער האָט אויך געזען, אַז די ייִדן זאָלן ניט האָבן אין לאַנד קיין שמידן. ער האָט מורא געהאַט, אַז די שמידן וועלן מאַכן פֿאַר די ייִדן געווער.

אָבער שאול איז געווען אַ שטאָלצער ייִד. ער האָט ניט געוואָלט, אַז זײַן פֿאָלק זאָל זײַן אונטערטעניק צו די פּלשתּים. ער האָט געוואָלט אַז זײַן פֿאָלק זאָל זײַן פֿרײַ.

האָט ער צונויפֿגענומען אַן אַרמיי פֿון אַ פּאָר טויזנט מענטשן. זיי האָבן זיך געמאַכט געווער פֿון מעסערס און אַקערס און זיך געגרייט צו מלחמה. אָנגעהויבן די מלחמה האָט שאולס זון יונתן (יווינאָסן). ער איז באַפֿאַלן דעם פֿירשט פֿון די פּלשתּים, וואָס האָט געוואוינט צווישן די ייִדן און אים געטייט. אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן די מלחמה.

ס'איז געווען אַ גרויסע מלחמה. דרײַסיק טויזנט פּלשתּים זײַנען אַרויס קעגן די ייִדן אויף רײַטוועגן. זיי האָבן געהאַט זעקס טויזנט רײַטערס אויף פֿערד און טויזנטער פֿוסגייערס.

אָבער שאול האָט זיך ניט דערשראָקן. ער האָט מיט זײַן אַרמיי אָפּגעוואַרט אַ פּאָר טעג אין אַ באַהאַלטן אָרט און איז דערנאָך פּלוצעם באַפּאַלן דעם שונא. צווישן די פּלשתּים איז געוואָרן אַ טומל. זיי האָבן ניט געוואוסט אין וועלכער זײַט צו אַנטלויפֿן. זיי האָבן אָנגעהויבן צו טייטן מיט די שווערדן און שפּיזן איינער דעם צווייטן. דערווײַל זײַנען נאָך ייִדן אָנגעקומען פֿון אַלע זײַטן און האָבן געהאָלפֿן דער ייִדישער אַרמיי.

אין יענעם טאָג האָבן די ייִדן געהאַט אַ גרויסן זיג. אַ גאַנצן טאָג זײַנען זיי נאָכגעלאָפֿן די פּלשתּים. זיי האָבן צוריקגענומען כּמעט (קימאַט) אַלע פֿאַרלאָרענע שטיקער לאַנד. זיי זײַנען געוואָרן פֿרײַ. זיי האָבן מערניט געצאָלט צו די פּלשתּים קיין שטײַערן און האָבן פֿאַר דעם שונא מער קיין מורא ניט געהאַט.

לאָמיר דאָס געדענקען:

נאָך דעם ערשטן גרויסן זיג איבער די פּלשתּים, האָבן די ייִדן:

1) צוריקגענומען כּמעט אַלע פֿאַרלאָרענע שטיקער לאַנד.
2) זיי זײַנען געוואָרן פֿרײַ.
3) זיי האָבן מערניט געצאָלט קיין שטײַערן.
4) זיי האָבן מער קיין מורא ניט געהאַט פֿאַרן שונא.

3. שמואל און שאול

שמואל איז געווען בײַ די ייִדן דער הייליקסטער מענטש. ער האָט געגלייבט אין נאָמען פֿון גאָט. ער האָט געוואָלט, אַז גאָטס וואָרט זאָל זײַן העכער פֿון דעם קיניגס וואָרט. האָט שמואלן פֿאַרדראָסן וואָס דער קיניג באַקומט מער און מער מאַכט. ער האָט ניט געקענט זען ווי דאָס פֿאָלק פֿאַרלאָזט זיך אויף דעם מלך און זײַן אַרמיי מער ווי אויף גאָט, און מער ווי אויף אים. שמואל האָט געגלייבט אין דער מאַכט פֿון גאָט, ניט אין דער מאַכט פֿון מענטשן.

וואָס זשע האָט ער געטאָן?

האָט ער שאולן קליין געמאַכט אין די אויגן פֿון פֿאָלק. ער האָט אים אָפֿט מאָל באַליידיקט פֿאַר די אויגן פֿונעם גאַנצן

פאָלק. איין מאָל, אַז שאול האָט אים ניט געפאָלגט, האָט שמואל אים געזאָגט, אַז זײַן מלוכה וועט לאַנג ניט געדויערן. אַן אַנדערס מאָל, האָט ער צעריסן דעם קיניגס מאַנטל, און האָט אים געזאָגט, אַז אַזוי וועט גאָט צערײַסן זײַן קיניגרײַך.

שאול איז געווען שטאַרק באַליבט בײַם פאָלק. אָבער שמואל האָט פאַרן פאָלק גערעדט שלעכטס אויפן קיניג. ער האָט אים אַפילו מערניט געוואָלט זען. ווען שאול האָט נאָך געלעבט, איז שמואל שטילערהייט אַוועק צום הויז פון אַ יונגן ייִדישן העלד, און האָט אים געזאַלבט פאַר אַ קיניג. דאָס איז געווען דער פאַסטעך דוד (דאָוויד).

דעם קיניג האָט דאָס שטאַרק ווי געטאָן. ער איז דאָך געווען אַזאַ געטרײַער, העלדישער ייִד. ער האָט געקעמפט מיט אַלע כּוחות פאַר זײַן פאָלק, און האָט אויך אויסגעראַמט דעם גאָט בעל פונעם ייִדישן לאַנד. האָט אים שטאַרק פאַרדראָסן וואָס דער „זעער" קריגט זיך מיט אים. האָט ער פאַרלאָרן זײַן מוט. ער איז געוואָרן וואָס אַמאָל טרויעריקער און ער האָט זיך שטענדיק געשראָקן. ס'האָט זיך אים שטענדיק אויסגעוויזן, אַז מ'קומט אים טייטן און מ'וויל פון אים צונעמען זײַן מלוכה.

4. שאול און דוד

שאול האָט געלעבט אין מורא און ער פלעגט אָפט אַרײַנפאַלן אין אַן אומעט, אַזוי ווי אַ בייזער גײַסט וואָלט אים געשראָקן.

האָבן איין מאָל זײַנע דינער צו אים געזאָגט:

— „זע נאַר, אַ בייזער גײַסט שרעקט דיך. הייס אונדז, און מיר וועלן אויפזוכן אַ מאַן, וואָס קען שפּילן אויף אַ האַרף, וועט ער שפּילן און דיר וועט בעסער ווערן."

האָט שאול צו זיי געזאָגט:

— „געפינט אַ מאַן וואָס שפּילט גוט, און ברענגט אים צו מיר."

זײַנען זײ געגאַנגען און געבראַכט דעם יונגן פּאַסטעך דוד און ער האָט געשפּילט פֿאַרן קיניג שאול.

און שאול האָט דודן זײער ליב געקראָגן און יעדעס מאָל װען דער בײזער גײַסט פֿלעגט קומען אויף שאולן, אַזוי פֿלעגט דוד נעמען די האַרף און שפּילן און שאולן פֿלעגט בעסער װערן.

5. דוד און גלית (גאָליאַט)

א.

די פּלשתּים און די ייִדן האָבן זיך פֿאַרזאַמלט צו האַלטן מלחמה. בײדע לאַגערן זײַנען געשטאַנען צװישן צװײ בערג. לעבן אײן באַרג — די ייִדן. לעבן צװײטן באַרג — די פּלשתּים. צװישן זײ איז געלעגן אַ ברײטער טאָל.

איז אַרויסגעקומען פֿון לאַגער פֿון די פּלשתּים אַ הויכער, העלדישער מאַן, אַ ריז, װאָס זײַן נאָמען איז געװען גלית. ער האָט געטראָגן אויף זײַן קאָפּ אַ קופּערן היטל, אויפֿן לײַב — אַ שװערן פּאַנצער און אַ לאַנגע שפּיז אויפֿן אַקסל. ער האָט אויסגערופֿן:

— „הערט, ייִדן! צו װאָס זאָלן מיר זיך אַלע שלאָגן? קלײַבט אויס פֿון אײַך אַ מענטשן, און זאָל ער זיך שלאָגן מיט מיר. װעט ער מיך באַזיגן, װעלן די פּלשתּים זײַן אײַערע קנעכט. װעל איך אים באַזיגן, װעט איר זײַן אונדזערע קנעכט.“

און ער האָט אָנגעהויבן זידלען די ייִדן און אָפּלאַכן פֿון זײ.

ב.

דוד איז געװען דער ייִנגסטער פֿון זײַנע ברידער. די ברידער זײַנען געװען אין דער מלחמה. האָט דער פֿאָטער געזאָגט צו דודן:

— „גײ, מײַן זון, און זע װאָס טוען דײַנע ברידער און װאָס טוען אַלע ייִדן?“

און דוד איז געקומען אויפֿן שלאַכטפֿעלד צו זײַנע ברי־

דער. אַזוי ווי ער רעדט מיט זיי קומט אַרויס דער ריז גלית און ער זידלט ווידער די ייִדן.

דערווײַל האָט מען אויסגערופֿן אין ייִדישן לאַגער:

— „אַזוי האָט געזאָגט דער קיניג שאול: דער וואָס וועט באַזיגן דעם ריז פֿון די פּלשתּים, דעם וועט דער קיניג רײַך מאַכן און אים געבן זײַן טאָכטער פֿאַר אַ ווײַב."

ג.

אַז דוד האָט געזען, אַז די ייִדן זײַנען אין אַזאַ צרה, האָט ער געזאָגט צו די מענטשן אַרום אים, אַז ער וועט גיין און שלאָגן דעם פּלשתּי. און די מענטשן האָבן דאָס דערציילט דעם קיניג.

האָט דער קיניג גערופֿן צו זיך דודן און האָט אים געזאָגט:

— „ניין, דוד, דו קענסט ניט מלחמה האַלטן מיט דעם פּלשתּי. דו ביסט נאָר אַ שטילער פּאַסטעך און אַ יונגער בחור און ער איז אַ ווילדער ריז און אַ מלחמה־העלד."

— „אמת, קיניג", — האָט דוד געענטפֿערט, — „איך בין נאָר אַ פּאַסטעך בײַ מײַן פֿאָטערס שאָף. אָבער איך האָב פֿאַרן ריז קיין מורא ניט. איין מאָל איז צו מײַנע שאָף געקומען אַ לייב און האָט אַוועקגעטראָגן אַ לעמעלע, האָב איך אים געטייט און געראַטעוועט פֿון זײַן מויל דאָס לעמעלע. און ווי עס איז געווען מיטן לייב, אַזוי וועט אויך זײַן מיטן ווילדן ריז.

— „גיי", — האָט געזאָגט דער קיניג. — „און גאָט זאָל דיר העלפֿן!"

ד.

האָט דוד גענומען זײַן שטעקן, האָט צונויפֿגעקליבן עטלעכע שפּיציקע שטיינדלעך, האָט גענומען זיין בויגן און האָט זיך געלאָזט אַנטקעגן דעם פּלשתּי.

— „וואָס בין איך, אַ הונט?" — האָט זיך גלית צע־שריִען און געשפּאַנט קעגן דודן. — „וואָס קומסטו צו מיר

מיט אַ שטעקן? קום אַהער, יונג, קום אַהער, באַלד וועלן די פייגל עסן דײַן פלייש!"

— „און איך האָב פאַר דיר קיין מורא ניט", — האָט דוד אים געענטפערט. — „דו קומסט צו מיר מיט שווערד און שפיז און איך קום צו דיר אין נאָמען פון מײַן גאָט, וועמען דו האָסט געזידלט. באַלד וועלן מיר זען ווער עס איז שטאַרקער!"

ה.

און דוד האָט גענומען לויפן קעגן גליתן. אויפן וועג האָט ער אַ כאַפּ געטאָן אַ שפּיציק שטיינדל און האָט עס אַ שלײַדער געטאָן מיט זײַן בויגן צום ריז. דאָס שטיינדל איז אַרײַנגעפאַלן טיף אין יענעמס שטערן און דער ווילדער פלשתי איז געפאַלן מיטן פּנים צו דער ערד, טויט.



דוד הרגעט גלית דעם פלשתי

אַז די פּלשתּים האָבן דערזען אַז זייער גרויסער העלד איז טויט, זײַנען זיי זיך צעלאָפן אין אַלע זײַטן. די ייִדן האָבן זיי נאָכגעיאָגט. אין יענעם טאָג האָבן די ייִדן געהאַט אַ גרויסן זיג איבער זייערע שונאים.

אַז די אַרמיי איז געגאַנגען צוריק פון דער מלחמה, האָבן די ייִדישע פרויען זיי באַגעגנט אויף די וועגן. זיי האָבן גע־קלאַפּט אויף פּויקן און געטאַנצט און געזונגען:

„שאול האָט געשלאָגן טויזנטער, און דוד — צען טויזנטער."

שאולן האָט דאָס זייער פאַרדראָסן. ער איז דער קיניג — און דאָס פאָלק שטעלט דעם יונגען דודן העכער פון אים!

פון דעמאָלט אָן איז שאול געוואָרן נאָך טרויעריקער. ער האָט דודן געגעבן זײַן טאָכטער פאַר אַ פרוי ווי ער האָט צוגעזאָגט. אָבער ער האָט דודן פײַנט געקראָגן. עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז דוד וויל אים אַראָפּוואַרפן פון זײַן טראָן און צונעמען בײַ אים די מלוכה.

שאול, דוד, און די רײַכע פרוי

(לעגענדע)

א.

אין די צײַטן פון קיניג שאול האָבן אין אַ שטעטל אין כּנען געוואוינט אַ רײַכער ייִד און זײַן פרוי. דער רײַכער ייִד האָט געהאַט אַ סך גאָלד און זילבער. איין מאָל איז דער רײַכער מאַן קראַנק געוואָרן און איז געשטאָרבן.

נאָכן טויט פון איר מאַן האָט די פרוי געוואָלט פאַר־לאָזן איר וואוינאָרט. האָט זי גענומען אַ סך קרוגן און האָט דאָרט אַרײַנגעלייגט דאָס גאַנצע גאָלד און זילבער, וואָס זי האָט געהאַט. פון אויבן, אויפן גאָלד און זילבער, האָט זי אַרויפגעגאָסן האָניק.

נאָך דעם האָט זי די קרוגן געבראַכט אין הויז פון איר שוואָגער, איר מאַנס ברודער, און האָט צו אים געזאָגט:

— „הער, מײַן שוואָגער. אָט די קרוגן מיט האָניק וויל איך בײַ דיר באַהאַלטן. זאָלסט זיי ניט אָנרירן ביז איך וועל צוריקקומען.

— „גוט, לאָז זיי איבער", — האָט דער שוואָגער געענטפערט.

ב.

אין אַ צײַט אַרום האָט דער שוואָגער געהאַט אין הויז אַ שמחה. ער האָט חתונה (כאַסענע) געמאַכט זײַן טאָכטער. האָט ער געדאַרפט האָבן האָניק. איז ער געגאַנגען און האָט גענומען האָניק פון אַ קרוג. אַזוי ווי ער האָט געגאָסן דעם האָניק, האָט פון אונטן עפּעס אַ שײַן געטאָן. האָט ער אַרײַנ־געלייגט די האַנט און האָט געפונען אונטערן האָניק גאָלד און זילבער.

האָט ער אַרויסגענומען פון אַלע קרוגן דאָס גאָלד און זילבער, האָט זיי ווידער אָנגעפילט מיט האָניק, און אַוועק־געשטעלט אויף זייער אָרט.

ג.

אין אַ פּאָר יאָר אַרום איז די פרוי צוריקגעקומען. איז זי אַוועק צו איר שוואָגער און האָט צוריקגענומען די קרוגן. אָבער אַז זי האָט זיי געעפנט, האָט זי דאָרט געפונען בלויז האָניק. האָט זי אָנגעהויבן וויינען און איז אַוועק צום ריכטער.

— „איך ווייס ניט וואָס דיר צו זאָגן, ליבע פרוי", — האָט דער ריכטער געזאָגט. — „דו האָסט ניט קיין עדות (אײדעס). גיי צו אונדזער גוטן קיניג שאול."

איז די פרוי געגאַנגען צום קיניג שאול. אָבער שאול איז געווען זייער אַן ערלעכער, האָט ער געזאָגט:

— „עס טוט מיר לייד, גוטע פרוי, איך קען דיר ניט העלפן, ווײַל דו האָסט ניט קיין עדות. אָבער, צו מיר קומט אַרײַן אַ יונגער בחור, דוד. ער איז זייער קלוג. דערצייל אים וואָס ס'האָט געטראָפן, אפשר (עפּשער) וועט ער אויסגעפינען דעם אמת."

ד.

האָט די פֿרוי דערציילט דודן וואָס עס האָט געטראָפֿן, און דוד האָט געזאָגט:

— „גיי אַהיים, גיס איבער דעם האָניק פֿון די קרוגן אין נײַע קרוגן און ברענג די אַלטע קרוגן צו מיר."

האָט די פֿרוי אַזוי געטאָן.

האָט דוד געשיקט רופֿן דער פֿרוים שוואָגער און אים געפֿרעגט:

— „זײַנען אָט די קרוגן אַמאָל געווען בײַ דיר?"

— „יאָ", — האָט דער מאַן געענטפֿערט. — „אָבער דאָס זײַנען געווען קרוגן מיט האָניק."

האָט דוד גענומען די קרוגן און ער האָט זיי אַלע צעבראָכן. איז אין יעדן קרוג געווען אַ פּאָר שטיקלעך גאָלד און זילבער, וואָס זײַנען געבליבן צוגעקלעפּט בײַ די זײַטן פֿון קרוג. דאַן האָט דוד געזאָגט צום קיניג שאול:

— „דו זעסט, קיניג? אין די קרוגן איז געווען גאָלד און זילבער. אָבער ווען דער גנבֿ (גאַנעוו) האָט דאָס גאָלד און זילבער אַרויסגענומען האָט ער די פּאָר שטיקלעך צוגעקלעפּטע גאָלד און זילבער איבערגעלאָזט."

— „ביסט גערעכט", — האָט געענטפֿערט דער גוטער קיניג שאול.

דער שלעכטער מאַן איז באַשטראָפֿט געוואָרן. די פֿרוי האָט געדאַנקט שאולן און דודן. און דער ערלעכער משפּט איז באַרימט בײַ די יידן ביז הײַנטיקן טאָג.

פֿאַרענדיקט די זאַצן:

1. שמואל האָט גערעדט אין נאָמען פֿון ———————
2. שמואל האָט געוואָלט האָבן מער מאַכט ווי דער ————
3. שאולן האָט זיך אויסגעוויזן, אַז מ'וויל צונעמען בײַ אים זײַן ————
4. דוד האָט געטייט דעם ריז פֿון די ——————
5. די יידישע פֿרויען האָבן געשטעלט דודן העכער פֿון ———

5. שאולס ביטערער סוף

שאול האָט באַזיגט אַלע פֿעלקער, וואָס פֿלעגן אָנפֿאַלן אויף די ייִדן.

אָבער די פּלשתּים האָט ער ניט געקענט באַזיגן. זיי זײַנען אַלע מאָל ווידער געקומען מלחמה האַלטן.

די לעצטע מלחמה איז געווען די שרעקלעכסטע. שאול איז שוין געווען קראַנק און צעבראָכן. אָבער ער איז געגאַנגען אויפֿן שלאַכטפֿעלד. ער האָט געוואָלט העלפֿן זײַן פֿאָלק ביז דער לעצטער מינוט.

איר געדענקט ווי די פֿרוי דבֿורה האָט געהאַלטן מלחמה קעגן די כּנענים אין אַ טאָל? אין דעם זעלבן טאָל זײַנען זיך איצט צונויפֿגעקומען די פּלשתּים. שאול האָט צונויפֿגענומען די ייִדן אויף אַ באַרג. ער און די ייִדן האָבן זיך געדאַרפֿט אַ לאָז טאָן מיט שטורעם פֿון אויבן פֿון באַרג קעגן די פּלשתּים. אָבער אַז דער קראַנקער קיניג האָט דערזען אונטערן באַרג די טויזנטער פּלשתּים, האָט ער זיך דערשראָקן.

זײַנען די פּלשתּים אָנגעפֿאַלן אויף די ייִדן און זיי באַזיגט. נאָך דעם זײַנען זיי אַרײַן טיפֿער אין ייִדישן לאַנד און פֿאַרנומען שטעט און דערפֿער. אין דער מלחמה אויפֿן באַרג זײַנען געפֿאַלן טויט דער קיניג שאול און זײַנע דרײַ זין.

שאול איז געלעגן אויף דער ערד אַ שטאַרק פֿאַרפֿאַרוואונדעטער. האָט ער געבעטן זײַן באַדינער: „איך בעט דיך, טייט מיך, אָבער לאָז מיך ניט אַרײַנפֿאַלן אַ לעבעדיקער אין דעם שונאס הענט.“ דער באַדינער האָט אָבער ניט געוואַגט דאָס צו טאָן. האָט דער העלדישער קיניג זיך אַרויפֿגעוואָרפֿן אויף זײַן שווערד און האָט זיך אַליין געטייט.

אַזוי איז געשטאָרבן דער מוטיקער קיניג.
שאולס טויט איז פאַר די ייִדן געווען אַ שטאַרקער קלאַפּ.
דאָס פֿאָלק האָט געפֿאַסט און געטרויערט. עס האָט באַוויינט
זײַן באַליבטן העלד, דעם ערשטן ייִדישן מלך.

שואלס טויט

ענטפֿערט אויף די פֿראַגעס:

1. וואָס פֿאַר אַ פֿאָלק האָט שאול ניט געקענט באַזיגן?
2. פֿאַר וואָס איז שאול געגאַנגען אַ קראַנקער אין דער מלחמה?
3. וואָס האָבן געטאָן די פּלשתּים אַז זיי האָבן געזיגט?
4. וואָס האָט געטראָפֿן מיט שאולן און זײַנע דרײַ זין?
5. איז דער קיניג שאול געווען אַ גרויסער העלד? מיט וואָס?

וועד זײַנען אָט די ייִדישע העלדן?

(שטעלט צו דעם נאָמען בײַם אָנהייב זאַץ)

1. ———. ער האָט דער ערשטער געגלייבט אין גאָט.
2. ———. ער האָט צונויפֿגעבונדן דרײַ הונדערט פֿיקסלעך און פֿאַרברענט די פֿעלדער פֿון די פּלשתּים.
3. ———. ער האָט געזאַלבט דעם ערשטן ייִדישן קיניג.
4. ———. ער איז אויסגעוואַקסן אין אַ קיניגס פּאַלאַץ.
5. ———. ער איז געשטאָרבן אויף אַ באַרג אין אַ מלחמה.
6. ———. ער האָט געזיגט מיט אַן אַרמיי פֿון דרײַ הונ־דערט ייִדן.
7. ———. ער איז געווען דער ערשטער ייִדישער פֿירער אין כּנען.
8. ———. זי איז געווען אַ קלוגע, העלדישע פֿרוי.

קאַפּיטל VIII.

דער קיניג דוד

1. אַ ברודערקריג

דאָס איז געווען מיט איבער צוויי טויזנט און נײַן הונדערט יאָר צוריק.

נאָך שאולן איז געוואָרן קיניג דער העלד דוד. אָבער דוד האָט ניט געקיניגט באַלד איבער אַלע שבטים. די ייִדן האָבן שאולן זייער ליב געהאַט, האָבן זיי געוואָלט, אַז זײַן זון זאָל ווערן קיניג נאָך אים. איז דוד געוואָרן מלך בלויז איבער זײַן שבט, איבער דעם שבט יהודה (יעהודע).

די אַנדערע שבטים האָבן געוואָלט, אַז עס זאָל זײַן נאָר איין קיניג. איז פֿאָרגעקומען אַ מלחמה. זיבן יאָר האָבן די אַנדערע שבטים געקעמפֿט קעגן שבט יהודה. עס האָבן געקעמפֿט צוויי אַרמייען, ברידער קעגן ברידער. נאָך זיבן יאָר האָט דודס אַרמיי געזיגט.

דעמאָלט האָבן אַלע שבטים געזען דעם כּוח פֿון דעם העלדישן דודן. זיי האָבן זיך אויך דערמאָנט ווי דוד האָט באַזיגט דעם ווילדן ריז און געוואונען די מלחמה קעגן די פּלשתּים. זײַנען זיי זיך אַלע צונויפֿגעקומען און געמאַכט דודן פֿאַרן קיניג פֿונעם גאַנצן לאַנד.

2. דוד און די פֿעלקער אַרום ייִדישן לאַנד

אַז דוד איז געוואָרן קיניג פֿון דעם גאַנצן פֿאָלק, האָט ער געוואָלט גרעסער און שטאַרקער מאַכן דאָס לאַנד. ער האָט צו ערשט געוואָלט באַפֿרײַען די ייִדן פֿון די שטאַרקע פּלשתּים, וואָס די ייִדן האָבן פֿון זיי געליטן הונדערטער יאָר; נאָך דעם זיי באַפֿרײַען פֿון די אָפֿטע אָנפֿאַלן פֿון די אַנדערע פֿעלקער.

וואָס זשע האָט ער געטאָן?

האָט ער צו ערשט געשאַפֿן אַ גרויסע אַרמיי. אין דער אַרמיי האָט ער אַרײַנגענומען די גרעסטע העלדן און האָט אויסגעקליבן די בעסטע גענעראַלן. נאָך דעם האָט ער גענו־מען פֿירן מיט די פּלשתּים מלחמה נאָך מלחמה. די פּלשתּים האָבן ביטער געקעמפּט. זיי האָבן זיך ניט געוואָלט אונטער־געבן. זיי האָבן פֿאַרלאָרן און באַלד ווידער געקומען האַלטן מלחמה.

אָבער דוד איז געווען אַ גרויסער קריגספֿירער. ער האָט זײַן אַרמיי אַלץ פֿאַרגרעסערט און האָט געשלאָגן די פּלשתּים וואָס אַמאָל שטאַרקער. ער האָט צוריקגענומען בײַ זיי אַלע פֿאַרלאָרענע שטעט און דערפֿער פֿון שאולס צײַטן. ער איז אַרײַן צו זיי טיף אין לאַנד. ער האָט זיי געמאַכט אונטער־טעניק צו די ייִדן.

פֿון איצט אָן האָט דאָס ייִדישע פֿאָלק שוין אויף אייביק אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון זיך דעם יאָך פֿון די פּלשתּים. עס איז געוואָרן אַ פֿרײַ פֿאָלק.

דאָס פֿאָלק האָט זיך שטאַרק געפֿרייט מיט דעם גרויסן זיג. אָבער דוד האָט ניט גערוט. די ייִדן האָבן געהאַט נאָך שונאים. זיי האָבן געדאַרפֿט אויך פֿון יענע שונאים ווערן פֿרײַ. האָט דוד ווײַטער געפֿירט מלחמות ביז ער האָט באַזיגט אַלע ייִדישע שונאים און אײַנגענומען זייערע לענדער.

אַזוי האָט דער מלך דוד גרעסער און שטאַרקער געמאַכט דאָס לאַנד. ער האָט פֿאַרנומען די לענדער בײַ די פֿעלקער, וואָס פֿלעגן אָפֿט אָנפֿאַלן אויף די ייִדן. ער האָט געמאַכט די פֿעלקער אונטערטעניק. ער האָט צעבראָכן שונא נאָך שונא. הונדערטער יאָרן האָט דאָס ייִדישע פֿאָלק שרעקלעך געליטן פֿון זײַנע שונאים. איז געקומען דוד און האָט געמאַכט דאָס ייִדישע לאַנד פֿרײַ און זיכער.

3. די שטאָט ירושלים (יערושאָלײַעם)

אַז דוד איז געוואָרן אַ גרויסער מלך, האָט ער געוואָלט האָבן אַ שיינע הויפּטשטאָט. ער האָט געוואָלט האָבן אַ הויפּט־שטאָט, וואָס זאָל זײַן דאָס האַרץ פֿונעם לאַנד. האָט ער אויסגעקליבן ירושלים. ירושלים איז געווען אַ באַפֿעסטיקטע שטאָט, און איז געווען אין צענטער צווישן די שבֿטים פֿון צפֿון און פֿון דרום.

אָבער ווי אַזוי האָט ירושלים געקענט ווערן די ייִדישע הויפּטשטאָט? מיט הונדערטער יאָרן צוריק, ווען יהושע האָט אײַנגענומען כּנען, האָט ער ירושלים ניט אײַנגענומען. איז די שטאָט געווען די גאַנצע צײַט בײַ די כּנענים אין די הענט. זי איז געווען שטאַרק באַפֿעסטיקט, און מ'האָט זי ניט געקענט אײַננעמען.

דער העלדישער דוד האָט אָבער אײַנגענומען ירושלים און זי געמאַכט פֿאַר דער קיניגלעכער שטאָט, פֿאַר דער הויפּטשטאָט. און אין אַ קליין שטעטל איז געשטאַנען אין אַ קליינעם טעמפּל דער אָרון (אָרן) מיט דער תּורה שוין יאָרן און יאָרן. האָט דוד גענומען דעם הייליקן אָרון מיט דער תּורה און האָט זיי אויך אַריבערגעפֿירט קיין ירושלים, אין אַ שיינער היים.

אָבער דוד האָט ניט אַריבערגעפֿירט שטילערהייט דעם אָרון מיט דער תּורה. ער האָט געמאַכט דעם טאָג אַ יום־טובֿ פֿאַרן גאַנצן פֿאָלק. מען האָט אַריבערגעפֿירט דעם הייליקן אָרון מיט גרויס פּאַראַד. טויזנטער מענטשן זײַנען געגאַנגען אַרום דעם אָרון און מ'האָט געשפּילט און געטאַנצט און געזונגען.

אַזוי האָט דוד געמאַכט ירושלים פֿאַר דער הייליקער שטאָט און פֿאַר דער הויפּטשטאָט פֿונעם ייִדישן לאַנד.

דער פּאַסטעך און דער שפּילער

(לעגענדע)

ווען דוד איז געווען אַ פּאַסטעך, האָט ער זייער ליב געהאַט זײַנע שאָף. ער האָט זיי געגעבן עסן און טרינקען צו דער צײַט. אַ סך מאָל האָט ער אַרויסגענומען אין פֿעלד זײַן האַרף און געשפּילט פֿאַר זײַנע שאָף.

אָבער איין זאַך האָט דודן ווי געטאָן. ער האָט געזען, אַז בײַ טאָג, ווען די זון ברענט, האָבן ניט אַלע שאָף געקענט עסן דאָס גראָז. די ברענענדיקע זון האָט דאָס גראָז געמאַכט טרוקן.

וואָס־זשע האָט דוד געטאָן?

האָט ער אַרויסגענומען די שאָף אין פֿעלד דרײַ מאָל אין טאָג. אין פֿרימאָרגן, ווען דאָס גראָז איז פֿײַכט און ווייך און פֿריש, האָט ער אַרויסגענומען די קליינע ציגעלעך און לעמעלעך; בײַ טאָג, ווען די זון ברענט און דאָס גראָז ווערט טרוקן, האָט ער אַרויסגענומען די עלטערע שאָף, און פֿאַר נאַכט, ווען דאָס גראָז איז שוין אָפּגעגעסן, האָט ער אַרויס־גענומען די יונגע, געזונטע שאָף מיט די שטאַרקע ציינער, אַז זיי זאָלן רײַסן פֿון דער ערד די וואָרצלען פֿון די גראָזן.

און די האַרף, וואָס דוד האָט אָפֿט אַרויסגענומען אין פֿעלד אַרײַן, איז געווען אַ וואונדערלעכע האַרף. זי האָט אָפֿט געשפּילט פֿון זיך אַליין. עס איז אָנגעקומען אַ ווינט און גע־בלאָזן אויף איר, און זי האָט אויסגעשפּילט די שענסטע ניגונים.

בײַ נאַכט האָט דוד אויפֿגעהאַנגען זײַן האַרף אויף דער וואַנט, איבער זײַן בעט. דאָס פֿענצטער האָט ער געלאָזט אָפֿן. פֿלעגט אין מיטן נאַכט קומען אַ ווינט און אַ בלאָז טאָן אויף די סטרונעס, און די האַרף האָט גענומען אויסשפּילן וואונ־דערלעכע ניגונים.

אַז דוד איז געוואָרן קיניג האָט ער אַלע פּרימאָרגן גענומען זײַן האַרף און איז אַרויסגעגאַנגען אויפֿן דאַך פֿון זײַן פּאַלאַץ און גענומען שפּילן. זײַנען די ייִדן פֿון ירושלים גע־קומען פֿון אַלע זײַטן צו הערן זייער קיניגס זיסע ניגונים.

1. ענטפֿערט י אָ, אָדער נ י י ן.

1. דוד איז געוואָרן קיניג נאָך שאולן. ———
2. דוד האָט באַלד געקיניגט איבער אַלע שבֿטים. ———
3. דוד איז פֿריִער געוואָרן קיניג איבער שבֿט יהודה. ———
4. זיבן יאָר האָבן די אַנדערע שבֿטים געקעמפֿט קעגן שבֿט יהודה. ———

פֿילט אוים די ליידיקע ערטער.

1. דוד האָט אויסגעקליבן די שטאָט ——— פֿאַר זײַן ———
2. די שטאָט איז געווען אין די הענט פֿון די ———
3. דוד האָט אויך אַריבערגעפֿירט קיין ירושלים דעם ——— מיט דער ———
4. דוד האָט געמאַכט דעם טאָג אַ גרויסן ——— פֿאַרן גאַנצן ———

4. דודס לעצטע יאָרן

די לעצטע יאָרן פֿאַר זײַן טויט איז דודן געווען זייער שלעכט. אין קיניגס הויז זײַנען פֿאָרגעקומען קריגערייען. איינער פֿון זײַנע זין, אבֿשלום (אַושאַלעם), האָט געוואָלט ווערן קיניג ווען דוד האָט נאָך געלעבט. האָט ער צונויפֿ־גענומען אַן אַרמיי און געקעמפֿט קעגן זײַן אייגענעם פֿאָטער.

דוד איז אַוועק פֿון ירושלים. אָבער צווישן די ייִדן איז פֿאָרגעקומען אַ ברודערקריג. דודס אַרמיי האָט געקעמפֿט קעגן אַבֿשלומס אַרמיי. שפּעטער האָט דער הויפּט־קאָמאַנ־דיר פֿון דודס אַרמיי געטייט אַבֿשלומען. ווען מ׳האָט דער־ציילט דודן, אַז זײַן זון איז טויט, האָט ער זיך צעוויינט און אויסגערופֿן:

„מײַן זון, מײַן זון אַבשלום! בעסער װאָלט איך גע־שטאָרבן אײדער דו!"

נאָך דעם איז אין לאַנד געװאָרן רואיק. אָבער אין דודס הױז האָט מען זיך נאָך אַלץ געקריגט איבער דער מלוכה. און דוד איז שױן געװען אַלט און קראַנק.

פֿאַר זײַן טױט האָט דוד אָנגעזאָגט, אַז זײַן זון שלמה (שלוימע) זאָל װערן קיניג נאָך אים.

דאָס ייִדישע פֿאָלק האָט זײער ליב געהאַט דודן. װאוג־דערלעכע זאַכן האָט מען נאָך זײַן טױט װעגן אים דערצײלט. מ'האָט דערצײלט, אַז ער איז דער גרױסער פּאָעט, װאָס האָט אָנגעשריבן דאָס װאונדערלעכע בוך פֿון דער ביבל — „תּהלים" (טעהילים); אַז ער האָט אַ סך געלערנט תּורה; אַז ער האָט װאונדערלעך געשפּילט אױף אַ האַרף; אַז ער איז געװען זײער אַ שײנער; אַז ער איז געװען אַ ליבער, האַרציקער מענטש און — אַז ער איז געװען אַזױ שטאַרק, אַז ער האָט געקענט צערײַסן אַ לײב און אַ בער.

דודס נאָמען איז באַרימט בײַ אַלע ייִדן. עס איז געבליבן בײַם פֿאָלק אַן אַלט װאָרט ביז הײַנטיקן טאָג:

„דוד, דער מלך פֿון די ייִדן, לעבט אײביק!"

דוד און די שפּין

(לעגענדע)

אײן מאָל איז דוד געזעסן אונטער אַ בױם אין אַ גאָרטן. עס איז געװען אַ שײנער טאָג. פּלוצעם האָט דוד דערזען אַ שפּין. די שפּין איז געהאַנגען אין דער לופֿטן און האָט געװעבט שפּינװעבס.

האָט דוד געקוקט אױף דער שפּין און געזען, אַז זי איז זײער מיאוס. האָט ער געטראַכט: צו װאָס לעבן אַזױנע מיאוסע באַשעפֿענישן? צו װאָס דאַרף מען שפּינען אױף דער װעלט?

עס זײַנען אַוועק אַ סך יאָרן. דוד איז געוואָרן בײַ די ייִדן באַרימט. זיי האָבן אים זייער ליב געהאַט. אָבער דער קיניג שאול האָט פֿײַנט געהאַט דודן.

איין מאָל האָט שאול צונויפֿגענומען זײַנע סאָלדאַטן און ער האָט געוואָלט כאַפּן דודן. איז דוד אַנטלאָפֿן. אויפֿן וועג אין פֿעלד האָט ער דערזען אַ הייל. איז ער שטיל אַרײַן אין דער הייל און האָט זיך באַהאַלטן.

דאָ איז געקומען אַ שפּין און האָט אויסגעוועבט בײַם אָפֿענעם אַרײַנגאַנג אַ גרויס שטיק שפּינוועבס.

נאָך דעם זײַנען שאול מיט זײַנע סאָלדאַטן צוגעקומען צו דער הייל. זיי האָבן געוואָלט אַרײַנגיין צו זוכן דודן. פֿאָר־אויס איז געגאַנגען שאול. אָבער ווען שאול איז צוגעקומען צום אָפֿענעם אַרײַנגאַנג און האָט דערזען דאָס גרויסע שטיק שפּינוועבס, האָט ער געזאָגט:

— „ניין, דוד איז דאָ נישטאָ. ווען ער וואָלט אַרײַן אין הייל, וואָלט ער דאָס שפּינוועבס צעריסן. קומט, לאָמיר גיין ווײַטער.“

און זיי זײַנען אַוועק.

שפּעטער איז דוד אַרויס פֿון דער הייל אַ פֿריילעכער און האָט געזאָגט:

— „איך האָב אַמאָל געפֿרעגט: ‚ווער דאַרף די שפּינען? צי וואָס לעבן אַזוינע מיאוסע באַשעפֿענישן?‘ איצט האָט אַ שפּין געראַטעוועט מײַן לעבן... איצט זע איך, אַז אַלץ וואָס לעבט, דאַרף לעבן.“

גערענקט:

1. דוד האָט גרעסער געמאַכט דאָס ייִדישע לאַנד.
2. דוד האָט געהאַט אַ שטענדיקע גרויסע אַרמיי.
3. דוד האָט אײַנגענומען ירושלים און האָט זי געמאַכט פֿאַר זײַן הויפּטשטאָט און הייליקער שטאָט פֿון די ייִדן.

קאַפּיטל IX.

דער קיניג שלמה

1. אַ צײַט פֿון שלום

פֿערציק יאָר איז דוד געווען דער קיניג פֿון ישׂראל. כּמעט (קימאַט) די גאַנצע צײַט האָבן די ייִדן געפֿירט מלחמות מיט זייערע שׂונאים. דאָס פֿאָלק איז שוין געווען מיד, און האָט מער ניט געוואָלט קיין מלחמות. עס האָט געוואָלט שלום. עס האָט געוואָלט רואיק אַרבעטן.

אַז שלמה איז אַרויף אויפֿן טראָן, איז אין לאַנד געוואָרן שטיל. דאָס פֿאָלק האָט זיך אומגעקערט צו דער אַרבעט. די פּויערים און פּאַסטעכער האָבן זיך אומגעקערט צום פֿעלד און צום אַקער. די הענדלער און בעלמלאָכעס האָבן זיך אומגעקערט צום האַנדל און צו דער מלאָכה. עס זײַנען ניט געווען מער קיין מלחמות מיט די אַרומיקע פֿעלקער.

שלמה האָט איבערגענומען פֿון זײַן פֿאָטער אַ גרויסע און שטאַרקע מלוכה. פֿון די פּלשתּים האָט מען מערניט געהערט. אויך די אַנדערע פֿעלקער, וואָס פֿלעגן אַמאָל אָנפֿאַלן אויף די ייִדן, האָבן פֿאַרלאָרן זייער מאַכט. דאָס פֿאָלק האָט זיך געפֿילט שטאַרק און זיכער.

האָט שלמה איצט געקענט אויפֿבויען דאָס לאַנד ווי ער האָט געוואָלט. קיינער האָט אים ניט געשטערט. זײַן פֿאָטער דוד האָט געמאַכט דאָס לאַנד גרויס און שטאַרק. איצט האָט שלמה עס געוואָלט מאַכן רײַך און שיין.

אָבער שלמה האָט זיך נאָך ניט געפֿילט אין גאַנצן זיכער. אחוץ די לענדער, וואָס דוד האָט אײַנגענומען, זײַנען געווען אַרום ישׂראל נאָך לענדער. עס זײַנען געווען נעענטערע און ווײַטערע לענדער.

וואָס וועט זײַן, אַז די פֿעלקער וועלן אָנפֿאַלן אויף דעם ייִדישן לאַנד? ווי אַזוי וועט דאָס פֿאָלק קענען אי פֿירן מלחמות, אי אויפֿבויען דאָס לאַנד?

האָט דער קלוגער שלמה געטאָן אַזוי:

ערשטנס, האָט ער אויך געהאַט אַ שטענדיקע אַרמיי אַזוי ווי זײַן פֿאָטער דוד. ער האָט די אַרמיי נאָך שטאַרקער געמאַכט. ער האָט געקראָגן נאָך טויזנטער רײַטערס און רײַטוועגן און פֿערד.

צווייטנס, האָט דער מלך שלמה געשלאָסן אַ בונד פֿון שלום מיט אַלע נאָענטע און ווײַטע מלוכות.

אַזוי האָט דער קיניג שלמה זיך פֿאַרזיכערט, אַז די לענדער אַרום ישׂראל וועלן ניט פֿירן מיט אים קיין מלחמות.

געפֿינט אין אײַער לעצטער לעקציע אָט די זאַצן
און פֿאַרענדיקט זיי:

1. פֿערציק יאָר איז דוד געווען ———
2. דאָס פֿאָלק האָט מער ניט געוואָלט ———
3. איצט איז אין לאַנד ———
4. ערשטנס, האָט ער איצט אויך געהאַט ———
5. צווייטנס, האָט דער מלך שלמה געשלאָסן ———

שלמהס טראָן

(לעגענדע)

דער קיניג שלמה האָט זייער ליב געהאַט רײַכקייט. ער האָט זיך אויסגעבויט אַ וואונדערלעכן פּאַלאַץ. איינע פֿון די שענסטע און רײַכסטע זאַכן אין פּאַלאַץ איז געווען זײַן טראָן.

דער קיניגלעכער טראָן האָט געהאַט זעקס טרעפּ.

אויפֿן ערשטן טרעפּ זײַנען געלעגן אַ גאָלדענער לייב און אַ גאָלדענער אָקס. אויף איין זײַט שטול — דער גאָלדענער לייב, אויף דער צווייטער זײַט שטול — דער גאָלדענער אָקס.

אויפֿן צווייטן טרעפּ איז אויף איין זײַט געלעגן אַ גאָל־דענער וואָלף, און אַנטקעגן, אויף דער צווייטער זײַט — אַ גאָלדן לעמעלע.

אויפֿן דריטן טרעפּ — אַ גאָלדענער טיגער קעגן אַ גאָלדן ציגעלע.

אויפֿן פֿערטן טרעפּ — אַ גאָלדענער בער קעגן אַ גאָל־דענעם הירש.

אויפֿן פֿינפֿטן טרעפּ: אַ גאָלדענער אָדלער קעגן אַ גאָל־דענער טויב.

אויפֿן זעקסטן טרעפּ — אַ גאָלדענער שפּאַרבער קעגן אַ גאָלדן פֿייגעלע.

און אַרום דעם טראָן זײַנען געשטאַנען זיבעציק שטולן. אויף די זיבעציק שטולן זײַנען געזעסן זיבעציק אַלטע גע־לערנטע און צוזאַמען מיט שלמהן געמשפּט דאָס פֿאָלק.

אַז שלמה האָט געוואָלט אַרויפֿגיין אויף זײַן שטול און האָט געשטעלט אַ פֿוס אויפֿן ערשטן טרעפּ, האָבן אים דער לייב און דער אָקס אויפֿגעהויבן און אים אַוועקגעשטעלט אויפֿן צווייטן טרעפּ. פֿונעם צווייטן טרעפּ האָבן אים דער וואָלף און דאָס לעמעלע אַרויפֿגעשטעלט אויפֿן דריטן טרעפּ.

און דער טיגער און דאָס ציגעלע האָבן אים אַרויפֿגע־שטעלט אויפֿן פֿערטן טרעפּ.

און דער בער און דער הירש — אויפֿן פֿינפֿטן טרעפּ.

און דער אָדלער און די טויב — אויפֿן זעקסטן טרעפּ.

אַז שלמה האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפֿן טראָן, איז גע־קומען צו פֿליִען אַן אָדלער מיט אַ גאָלדענער קרוין אין מויל און האָט זי אָנגעטאָן שלמהן אויפֿן קאָפּ.

נאָך דעם האָבן די זיבעציק אַלטע געלערנטע זיך אַוועק־געזעצט אויף די זיבעציק שטולן אַרום שלמהן און מ׳האָט אַרויסגענומען די תּורה.

און שלמה און די אַלטע געלערנטע האָבן געמשפּט דאָס פֿאָלק.

2. דער קלוגער קיניג שלמה

א.

אַז שלמה איז נאָר אַרויף אויפֿן טראָן, איז ער געוואָרן שטאַרק באַליבט בײַם פֿאָלק. ער איז געוואָרן באַליבט און באַרימט.

שלמה איז געווען באַרימט מיט זײַן קלוגשאַפֿט. צווישן פֿאָלק האָט מען גערעדט, אַז ער איז דער קליגסטער פֿון אַלע מענטשן אויף דער ערד. עס ווערט דערציילט, אַז ווען ער איז געוואָרן קיניג, האָט אים גאָט געפֿרעגט בײַ נאַכט אין חלום וואָס ער וויל האָבן. האָט שלמה געענטפֿערט, אַז ער וויל האָבן אַ קלוג האַרץ, אַז ער זאָל קענען פֿירן זײַן פֿאָלק. האָט אים גאָט געזאָגט, אַז דערפֿאַר וואָס ער בעט בלויז קלוגשאַפֿט, וועט ער ניט נאָר זײַן דער קליגסטער מענטש אויף דער ערד, נאָר ער וועט אויך זײַן רײַך און האָבן אַ גרויסן נאָמען.

ב.

אונדזער פֿאָלק דערציילט פֿון דעם קלוגן מלך אַזאַ מעשה:

צוויי פֿרויען האָבן געוואוינט אין איין הויז. יעדע פֿון זיי האָט געבאָרן אַ ייִנגל. אין אַ בײַנאַכט איז איין ייִנגעלע געשטאָרבן. האָט די מאַמע פֿון דעם געשטאָרבענעם זון גענומען איר טויטן זון און האָט אים אַרײַנגעלייגט אין בעט פֿון דער צווייטער מוטער. דאָס לעבעדיקע קינד האָט זי שטילערהייט אַוועקגעטראָגן צו זיך אין בעט.

אין דער פֿרי, אַז די מוטער פֿון דעם לעבעדיקן ייִנגעלע האָט דערזען דאָס טויטע קינד לעבן זיך, האָט זי אָנגעהויבן וויינען און שרײַען: „מײַן זון, מײַן זון! וואו איז מײַן זון!" אָבער די אַנדערע פֿרוי האָט געזאָגט, אַז דאָס לעבעדיקע קינד איז אירס. זײַנען זיי געגאַנגען צו דעם קיניג שלמה, אַז ער זאָל זײַן דער שופֿט.

אַז שלמה האָט געהערט זייערע רייד, האָט ער אויסגערופֿן:


מאפּע פֿון
ארץ ישראל
אין דער צײַט פֿון תנ"ך
קילאָמעטער = מאָס
לאַנד עמון
לאַנד יהודה
לאַנד אדום
נגב לאַנד
ירושלים
בית לחם
חברון
ים המלח
מואב
חשבון
ירדן
גלגל
יריחו
בית אל
עקרון
אשקלון
באר שבע
32°
30°
30'
35°
36°


צידון
דמשק
ארם
צור
קדש
מרום
חצור
אכזיב
עכו
גליל לאנד
כנרת
ארגב
עשתרות
קישון
ירמוך
בית שאן
יבש
30° 35° 30° 36°
33°

— „דינערס! ברענגט אַהער אַ שווערד און צעשנײַדט דאָס לעבעדיקע קינד אויף צווייען!"

די דינערס האָבן געבראַכט אַ שווערד און געוואָלט צעשנײַדן דאָס קינד. אָבער דאָ האָט די מוטער פֿון דעם לעבעדיקן קינד אָנגעהויבן צו שרײַען:

— „ניין, ניין, צעשנײַדט ניט דאָס קינד! גיט בעסער איר אַוועק מײַן זון!"

— „ניין, ניין, צעשנײַדט ניט דאָס קינד!" — האָט די מוטער פֿון לעבעדיקן קינד אויסגערופֿן

דאַן האָט דער קיניג געזאָגט צו די מענטשן אין פּאַלאַץ:
— „איצט זעט איר שוין ווער עס איז די אמתע מאַמע?"
און די אמתע מאַמע האָט געקראָגן צוריק איר זון.

***

אַלע ייִדן האָבן באַוואונדערט שלמהס חכמה (כאָכמע). דער נאָמען שלמה המלך איז געוואָרן זייער באַרימט. פֿון אַ סך אַנדערע לענדער פֿלעגט מען קומען הערן שלמהס קלוגע רייד. אַפֿילו קיניגן פֿלעגן קומען קיין ירושלים צו זען אים און רעדן מיט אים. זיי פֿלעגן אים שטעלן שווערע פֿראַגעס, הערן זײַנע ענטפֿערס און באַוואונדערן זײַן גרויסע חכמה.

3. האַנדל אין ייִדישן לאַנד

א.

אין שלמהס צײַט האָבן זיך אין לאַנד באַוויזן אַ סך סוחרים, הענדלער. די ייִדן האָבן זיי אָנגעקוקט מיט וואונדער: אַזוי פֿיל סוחרים! שוין איבער פֿיר הונדערט יאָר אַז די ייִדן האָבן געלעבט אין לאַנד, און עס זײַנען קיין מאָל ניט געווען דאָ אַזוי פֿיל סוחרים. דאָס זײַנען געווען ניט בלויז ייִדישע סוחרים. אַ סך פֿון זיי זײַנען געקומען פֿון אַנדערע לענדער.

ווי קומען די סוחרים פֿון אַנדערע לענדער אין ייִדישן לאַנד?

מיר ווייסן שוין, אַז שלמה האָט געשלאָסן אַ בונד פֿון שלום מיט די אַרומיקע לענדער. ער איז געווען אַ פֿרײַנד פֿון די קיניגן און האָט געוואוסט ווי אַזוי עס לעבן די מענטשן אין זייערע לענדער. שלמהס בעסטער פֿרײַנד איז געווען דער קיניג פֿון פֿעניציע. דאָס לאַנד פֿעניציע איז געווען אַ לאַנד פֿון האַנדל. די סוחרים האָבן געהאַנדלט ניט בלויז אין זייער לאַנד, נאָר אויך מיט אַנדערע לענדער. פֿון דעם האַנדל איז דאָס לאַנד געוואָרן רײַך. עס האָט געהאַט אַ סך גרויסע, שיינע

הײזער און רײַכע פּאַלאַצן. אין די רײַכסטע פּאַלאַצן האָט געוואוינט דער קיניג.

האָט שלמה אויך געוואָלט אַזוי לעבן. ער האָט געוואָלט, אַז אויך אין זײַן לאַנד זאָל זײַן האַנדל און רײַכקייט.

ב.

האָט ער געשלאָסן מיט די לענדער אַן אָפּמאַך, אַז זיי זאָלן האַנדלען מיט זײַן לאַנד. דער אָפּמאַך האָט געזאָגט, אַז די ייִדן מעגן פאָרן אין יענע לענדער צו קויפן און פאַרקויפן וואָס זיי ווילן; און אַז די סוחרים פון יענע לענדער מעגן קומען אין ייִדישן לאַנד צו קויפן און פאַרקויפן וואָס זיי ווילן.

האָט דער האַנדל אין שלמהס צײַטן אויפגעבליט. ייִדן און ניט־ייִדן פלעגן אַרויספירן פון ארץ ישראל קאָרן, ווייץ, אייל, איילבערטן און זיי פלעגן אַרײַנפירן אין ישראל אַנדערע סחורות. די סוחרים פון פעניציע און עגיפּטן האָבן אַרומגע־טראָגן איבערן לאַנד אַלערלײ סחורות. זיי האָבן אַרומגע־טראָגן גאָלדענע און זילבערנע זאַכן, שיין געשניצט האָלץ און טייערע שטיינער. זיי האָבן אַרומגעטראָגן טעפּעכער, לײַוונט און קליידער, קרוגן און בעכערס און פּאַרפיומען און צירונג פאַר פרויען.

אין דעם ייִדישן לאַנד איז געוואַקסן דער האַנדל.

ג.

אָבער ניט נאָר קיין ישראל און פון ישראל האָט מען געפירט סחורות. מ׳האָט געפירט סחורות אויך דורך דעם לאַנד ישראל. דורך די וועגן פון ייִדישן לאַנד זײַנען פאַרבײַ־געפאָרן קאַראַוואַנען מיט קעמלען פון איין זײַטן לאַנד צום צווייטן. די קעמלען האָבן געטראָגן אויף זיך אַלערלײ סחורות.

וואָס־זשע האָט שלמה געטאָן? ער האָט דאָך געוואוסט, אַז זײַן לאַנד איז ווי אַ בריק צווישן אַזיע און אַפריקע, און אַז די קאַראַוואַנען דאַרפן דורכגיין זײַן לאַנד. האָט ער געטאָן אַזוי:

ער האָט אויפֿגעבויט אויף די וועגן סטאַנציעס. אויף די סטאַנציעס האָבן די סוחרים געקענט זיך אָפּשטעלן און זיך אָפּרוען. אָבער די סוחרים האָבן געדאַרפֿט באַצאָלן אַ צינז פֿאַר דורכפֿאָרן די וועגן פֿון לאַנד. איז שלמהן אַרײַנגעקומען פֿון דעם אַ סך געלט. אַ סך מאָל, אַז די סוחרים האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ פּאָר טעג, זײַנען זיי אַרײַנגעגאַנגען אין די נאָענטע שטעט און געקויפֿט זאַכן, וואָס זיי האָבן ניט גע־קענט קריגן אין אַנדערע לענדער.

אַזוי האָט אין שלמהס צײַט אויפֿגעבליט דער האַנדל אין ישׂראל. אַזוי איז דאָס לאַנד געוואָרן רײַכער פֿון טאָג צו טאָג.

ענטפֿערט אויף די פֿראַגעס:

1. מיט וואָס איז שלמה געווען באַרימט?
2. מיט וועלכע לענדער האָט שלמה געהאַנדלט?
3. וואָס האָבן די סוחרים אַרויסגעפֿירט פֿון דעם ייִדישן לאַנד?
4. וואָס האָבן די סוחרים אַרומגעטראָגן איבערן לאַנד?
5. וואָס האָבן געפֿירט די קאַראַוואַנען פֿון איין לאַנד אין אַנדערן?
6. וואָס האָבן די סוחרים פֿון די קאַראַוואַנען באַצאָלט שלמהן?

4. שלמה בויט פּאַלאַצן

מיר האָבן שוין געלערנט, אַז שלמה האָט געוואוסט, אַז די קיניגן אין אַנדערע לענדער לעבן אין אַלדעס גוטס. האָט שלמה אויך געוואָלט אַזוי לעבן. ער האָט אויך זײַן לאַנד געוואָלט מאַכן רײַך און שיין.

האָט ער צו ערשט אויפֿגעבויט אין ירושלים אַ הויז פֿאַר גאָט, אַ הייליקן טעמפּל. דאָס איז געווען דער בית־המקדש (ביים האַמיקדעש). אָבער דאָס איז ניט געווען אַ הויז ווי אַנדערע גרויסע, רײַכע הײַזער, נאָר אַ ריזיקער, וואונדערלעך

שיינער טעמפּל. ער איז געווען רײַך אויסגעפּוצט, און אַ סך ערטער זײַנען געווען באַדעקט מיט גאָלד.

דרײַסיק טויזנט ייִדן האָבן געאַרבעט בײַ דעם בית־המקדש זיבן יאָר ביז זיי האָבן אים אויפגעבויט. אַלע דרײַ מאָנאַטן האָט שלמה גענומען אַנדערע דרײַסיק טויזנט ייִדן צו דער בויאַרבעט. די ייִדן האָבן פאַרלאָזט זייערע פעלדער און גערטנער, זייער האַנדל און מלאכה, און זײַנען געגאַנגען צו דער בויאַרבעט.

אָבער מיט דעם בית־המקדש האָבן זיך די ייִדן געפרייט. דאָס איז דאָך געווען גאָטס הויז. עס איז דאָך אויפגעבויט געוואָרן ניט נאָר פאַרן קיניג, נאָר פאַרן גאַנצן פאָלק. און ס'איז אויך געווען זייער שיין. האָבן די ייִדן זיך געפרייט און זײַנען מיט דעם בית־המקדש געווען שטאָלץ און צופרידן.

אָבער דער מלך שלמה האָט ווײַטער געבויט. אַז די ייִדן האָבן געענדיקט בויען דעם בית־המקדש, האָט שלמה געבויט פּאַלאַצן. אַ פּאַלאַץ פאַר זיך, פּאַלאַצן פאַר זײַנע פרויען.

צוואַנציק יאָר האָבן די ייִדן געאַרבעט בײַם בית־המקדש און בײַ די פּאַלאַצן.

וואו האָט שלמה גענומען געלט צו באַצאָלן פאַר די רײַכע פּאַלאַצן? וואו האָט ער גענומען געלט פאַר דער אַרמיי? אַן אַרמיי מוז מען דאָך געבן שפּײַז און קליידונג.

שלמה האָט געקראָגן געלט:

1) פון צינזן, וואָס עס האָבן געצאָלט די פעלקער, וואָס זײַן פאָטער דוד האָט באַזיגט.

2) פון צינזן פון די קאַראַוואַנען, וואָס זײַנען פאַרבײַגעפאָרן דאָס לאַנד.

3) פון שטײַערן, וואָס די ייִדן אַליין האָבן געדאַרפט צאָלן.

שלמה האָט אַרויפגעלייגט אויפן פאָלק שטײַערן. האָבן די רײַכע געקענט צאָלן. אָבער די אָרעמע פּויערים, פּאַסטעכער און באַלמעלאָכעס האָבן ניט געקענט צאָלן. איז דאָס אָרעמע פאָלק געווען אומצופרידן. זיי זײַנען געווען אומצו־

פֿרידן מיט דער שווערער בויאַרבעט, וואָס זיי האָבן געטאָן, און מיט די שווערע שטײַערן, וואָס זיי האָבן געצאָלט.

אין שלמהס צײַט איז דאָס יידישע לאַנד געוואָרן באַ־רימט מיט איר שיינקייט און חכמה. עס איז אויך געוואָרן באַרימט צוליב דעם קלוגן קיניג. פֿון נאָענטע און ווײַטע לענדער זײַנען געקומען מענטשן קיין ירושלים צו זען שלמהן און צו הערן זײַנע קלוגע רייד. אין שלמהס צײַט האָבן די יידן אויך קיין מלחמות ניט געדאַרפֿט פֿירן.

די יידן זײַנען שטאָלץ געווען מיט זייער גרויסן און קלוגן קיניג. אָבער מיט צוויי זאַכן זײַנען זיי געווען אומצופֿרידן: 1) וואָס זיי האָבן געדאַרפֿט טאָן בויאַרבעט, און 2) וואָס זיי האָבן געדאַרפֿט צאָלן שווערע שטײַערן.

שלמה איז געווען קיניג פֿערציק יאָר, אַזוי ווי זײַן פֿאָ־טער דוד.



דער בית־המקדש

שלמה און דער קיניג פֿון די שדים (שיידים)

(לעגענדע)

שלמה זוכט דעם שמיר (שאַמיר)

דער קיניג שלמה האָט געוואָלט בויען דעם בית־המקדש. אָבער אין דער תורה איז געשריבן, אַז מ׳זאָל ניט אויפֿהייבן קיין אײַזן אויף די שטיינער פֿון דעם בית־המקדש. ווי אַזוי זשע קען מען בויען דעם בית־המקדש אָן אַ האַמער, אָן אײַזן ?

האָט שלמה געהערט, אַז אויף דער וועלט איז דאָ אַ וואָרעם וואָס מ׳רופֿט שמיר (שאַמיר). אַז מ׳לייגט דעם שמיר אַרויף אויף אַ שטיין, ווערט דער שטיין צעשפּאָלטן. ער האָט געהערט, אַז דער שמיר ליגט אויף אַ ווײַטן באַרג, און אַז דער אַשמדאי (אַשמעדיי), דער קיניג פֿון די שדים (שיי־דים), היט אים.

שלמה שיקט ברענגען דעם אַשמדאי

האָט שלמה גערופֿן צו זיך איינעם פֿון זײַנע קליגסטע לײַט און האָט צו אים געזאָגט :

— „הער, מײַן דינער. נאַ דיר אַ קייט. די קייט קען קיינער ניט צערײַסן, ווײַל אויף איר איז אָנגעשריבן דער נאָמען פֿון גאָט. גיי, געפֿין דעם אַשמדאי, בינד אים מיט דער קייט און ברענג אים צו מיר.״

איז דער דינער געגאַנגען און געקומען אויף דעם ווײַטן באַרג. דאָ איז ער אַרויפֿגעקראָכן אויף אַ הויכן בוים צו זען וואָס עס טוט זיך אַרום. האָט ער געזען ווי אויפֿן באַרג ליגט אַ שרעקלעכער ריז און שלאָפֿט. אויף זײַן שטערן האָט דער ריז אַ האָרן און פֿון די נאָזלעכער שפּריצט פֿײַער.

האָט דער דינער פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס איז דער אַשמדאי, דער קיניג פֿון די טייוואָלים. איז ער שטיל צוגעגאַנגען, האָט אַרויפֿגעוואָרפֿן אויף זײַן האַלדז די קייט און האָט אים געבונדן.

דער אַשמדאי האָט זיך אויפגעכאַפּט. ער האָט אָנגעהויבן זיך צו וואַרפן און שרייען. ער האָט געוואָלט צערייסן די קייט, אָבער ער האָט ניט געקענט. ער האָט געמוזט גיין מיט שלמהס דינער.

אויפן וועג זיינען זיי צוגעקומען צו אַ גרויסן בוים. האָט דער אַשמדאי זיך אָנגעשפּאַרט אָן אים, איז דער בוים אומגעפאַלן. שפּעטער זיינען זיי צוגעקומען צו אַ הויז. האָט דער אַשמדאי זיך אָנגעשפּאַרט אָן הויז, איז דאָס הויז אויך איינגעפאַלן.

דער אשמדאי ביי שלמהן אין פּאַלאַץ

אַז דער אַשמדאי איז געקומען צו שלמהן און האָט געהערט וואָס ער וויל, האָט ער אים געזאָגט וואו דער שמיר איז.

שלמה האָט געשיקט אַ דינער, מ׳האָט געפונען דעם שמיר און מ׳האָט גענומען בויען דעם בית־המקדש.

אָבער די גאַנצע צייט וואָס מ׳האָט געבויט דעם בית־המקדש, איז דער אַשמדאי געווען אין פּאַלאַץ. שלמה האָט אים ניט אָפּגעלאָזט.

איין מאָל איז שלמה געשטאַנען אין פּאַלאַץ און האָט גערעדט מיטן אַשמדאי. זיי זיינען געוועןביידע אַליין. האָט שלמה אים געפרעגט:

— „זאָג נאָר, אַשמדאי, ביסטו טאַקע זייער שטאַרק?"

— „נעם פון מיר אַראָפּ די קייט, וועל איך דיר ווייזן", — האָט געענטפערט דער אַשמדאי.

האָט שלמה אַראָפּגענומען פון אַשמדאי די קייט. האָט דער אַשמדאי מיט איין פליגל אַ וואָרף געטאָן שלמהן אין דרויסן אַרויס און שלמה איז פאַרוואָרפן געוואָרן אויף פיר הונדערט מייל.

און דער אַשמדאי האָט זיך פֿאַרשטעלט פֿאַרן קיניג שלמה. ער האָט אָנגעטאָן זײַנע קליידער. ער האָט נאָכגעמאַכט זײַן גאַנג און זײַן קול. ער האָט געטראָגן זײַן קרוין. אַלע האָבן געמיינט, אַז דאָס איז שלמה.

און שלמה אַליין איז אַרומגעגאַנגען ווײַט־ווײַט אין דער פֿרעמד אין אַלטע קליידער און האָט געשריִען:

— „איך בין שלמה! איך בין שלמה!"

אָבער קיינער האָט אים ניט געגלייבט. אַלע האָבן זיך אויסגעלאַכט פֿון אים.

אַזוי איז דער אַשמדאי געזעסן אויף שלמהס טראָן עטלעכע יאָר. אָבער איין מאָל האָט מען פּלוצעם דערזעו, אַז דער קיניג האָט הינערשע פֿיס. האָט מען אָנגעהויבן נאָכקוקן. האָט מען געזען, אַז אויף שלמהס טראָן זיצט גאָר דער קיניג פֿון די טײוואָלים.

איז דער אַשמדאי אַנטלאָפֿן. מ'האָט צוריקגעבראַכט שלמהן אין זײַן פּאַלאַץ און ער איז ווידער געוואָרן דער קיניג פֿון די ייִדן.

5. אַ נײַ לעבן

א.

מיר האָבן שוין געלערנט אַז די ערשטע ייִדן אין מדבר זײַנען געווען וואַנדערער. מיר האָבן אויך געלערנט, אַז ווען די ייִדן זײַנען אַרײַנגעקומען אין כּנען, זײַנען זיי געוואָרן ערד־אַרבעטער, פּויערים. אַפֿילו דער ערשטער ייִדישער קיניג שאול איז געווען אַ זון פֿון אַ פּויער.

איצט האָט זיך דאָס ייִדישע לעבן אַ סך געענדערט. זינט שאול איז געוואָרן קיניג, ביז שלמה איז געשטאָרבן, זײַנען אַוועק אַ הונדערט יאָר. דורך דער צײַט זײַנען צוגעקומען ייִדישע שטעט. די שטעט זײַנען אין שלמהס צײַט געוואָרן גרעסער און שענער.

אַ סך ייִדן זײַנען אַריבער פֿון דאָרף אין שטאָט אַרײַן. זיי זײַנען מערניט געווען קיין פּויערים, אָדער פּאַסטעכער. זיי זײַנען געוואָרן שטאָטמענטשן. זיי האָבן געפֿירט אַ שטאָטיש לעבן און האָבן געלעבט פֿון האַנדל און מלאָכה.

ב.

אָבער די לעצטע עטלעכע צענדליגג יאָר איז צוגעקומען נאָך אַ קלאַס ייִדן. אָט די ייִדן זײַנען געווען רײַכע לאַנד־אייגנטימערס. זיי האָבן פֿאַרמאָגט גרויסע שטיקער לאַנד, וואו עס האָבן געאַרבעט פּויערים. די פּויערים זײַנען געווען זייערע אַרבעטער. אַמאָל האָבן די לאַנד־אייגנטימערס אָט די אַרבעטער געדונגען, אָבער אַמאָל האָבן זיי זיי אויך געקויפֿט. די ייִדישע אַרבעטער זײַנען געוואָרן זייערע קנעכט.

אָבער וואו האָבן די לאַנד־אייגנטימערס געקראָגן די שטיקער לאַנד? ווי אַזוי?

זיי האָבן זיי געקראָגן פֿון דעם קיניג שלמה. דער רײַכער קיניג האָט געהאַט אַ סך קרובֿים און פֿרײַנד. ער האָט אויך געהאַט אין זײַן מלוכה אַ סך הויכע באַאַמטע, גענעראַלן און ראַטגעבערס. האָט ער אַ סך פֿרײַ לאַנד, וואָס זײַן פֿאָטער דוד האָט אײַנגענומען, זיי אַוועקגעגעבן.

ביסלעכווײַז זײַנען די נײַע לאַנד־אייגנטימערס געוואָרן רײַכער און רײַכער. זיי האָבן געהאַט אַ סך ערד און אַ סך קנעכט. די ערד האָבן זיי געהאַט אומזיסט, און די קנעכט — פֿאַר ווייניק געלט.

זײַנען איצט געווען דרײַערליי גרופּעס ייִדן, דרײַ טיילן:

1) אַ טייל, וואָס האָט געלעבט אין דאָרף פֿון ערד־אַרבעט און פּיצוכט.
2) אַ טייל, וואָס האָט געלעבט אין שטאָט פֿון האַנדל און מלאָכה.
3) אַ טייל — רײַכע לאַנד־אייגנטימערס.

פֿילט אוים די ליידיקע ערטער מיט אַט די ווערטער:

1. יִידן, וואַנדערער.
2. כּנען, פּויערים.
3. שטעט, שענער.
4. יִידן, לאַנד־אייגנטימערס.
5. פֿרײַנד, באַאמטע.
6. ערד, קנעכט.

1. די ערשטע ——— אין מדבר זײַנען געווען ———
2. אין ——— זײַנען די יִידן געוואָרן ———
3. אין שלמהס צײַט זײַנען די ——— געוואָרן ———
4. אַ סך ——— זײַנען געוואָרן רײַכע ———
5. שלמה האָט געגעבן שטיקער לאַנד זײַנע ——— און הויכע ———
6. די לאַנד־אייגנטימערס האָבן געהאַט אַ סך ——— און אַ סך ———

איצט שרײַבט איבער די זאַצן.

קאַפּיטל X.

די צעשפּאַלטונג פון דער יידישער מלוכה

דער מלך שלמה איז געשטאָרבן. זײַן זון רחבֿעם (רעכאַ־וואָם) איז געוואָרן קיניג אויף זײַן אָרט.

צווישן די ייִדן זײַנען איצט געווען הונדערטער טויזנטער פּויערים און פּאַסטעכער. עס זײַנען אויך געווען טויזנטער באַלמעלאָכעס. זיי זײַנען געווען אָרעם. האָבן זיי מערניט געוואָלט צאָלן די גרויסע שטײַערן. זיי האָבן געוואָלט לעבן גרינגער.

וואָס זשע האָבן זיי געטאָן?

אַז שלמה איז געשטאָרבן, זײַנען די אָרעמע ייִדן זיך צונויפגעקומען אין דער שטאָט שכם (שכעם). זיי זײַנען געקומען פון אַלע זײַטן און זײַנען געווען שטאַרק אויפגעערעגט. צווישן די ייִדן איז אויך געווען ירבֿעם (יעראָוואָם), אַן אויפזעער איבער שלמהס בויאַרבעט, וואָס האָט אַמאָל געוואָלט מאַכן אַן אויפשטאַנד קעגן שלמהן. פון דאָרטן האָבן זיי געשיקט עטלעכע מענטשן צו שלמהס זון רחבֿעם, אַז ער זאָל קומען צו זיי. רחבֿעם איז געקומען.

האָבן די ייִדן צו אים געזאָגט:

— „הער, קיניג. דײַן טאַטע האָט אַרויפגעלייגט אויף אונדז גרויסע שטײַערן. בעטן מיר דיך: פאַרקלענער די שטײַערן, וואָס דײַן פאָטער האָט אויף אונדז אַרויפגעלייגט.“

האָט רחבֿעם זיך דורכגערעדט מיט זײַנע אַלטע, קלוגע ראַטגעבערס. האָבן זיי אים געראָטן ער זאָל נאָכגעבן דעם פאָלק. אָבער נאָך דעם האָט ער זיך דורכגערעדט מיט זײַנע יונגע ראַטגעבערס און זיי האָבן אים געראָטן, אַז ער זאָל

ווייזן דעם פאָלק זיין קיניגלעכע מאַכט. האָט רחבעם געפאָלגט די יונגע, און ער האָט געענטפערט:

— „ניין, איך וועל זיין נאָך שטרענגער ווי מיין פאָטער איז געווען. מיין פאָטער האָט אַרויפגעלייגט אויף אייך אַ שווערן יאָך — איך וועל אייער יאָך נאָך שווערער מאַכן!

אַז די ייִדן האָבן דאָס געהערט, זיינען זיי געוואָרן שרעקלעך אויפגערעגט. זיי האָבן גענומען שרייען, אַז זיי ווילן ניט דעם נייעם קיניג און ס'האָט זיך אויפגעהויבן אַן אויפשטאַנד.

אין יענעם טאָג האָבן זיך צוויי שבטים אָפּגעריסן פון צען שבטים פון צפון האָבן זיך אָפּגעריסן פון דודס הויז. רחבעמס מלוכה. ער איז מערניט געווען זייער קיניג.

אָבער די צען שבטים פון צפון-זייט זיינען ניט געבליבן אָן אַ מלך. זיי האָבן געגרינדעט נאָך אַ מלוכה, אַ צווייטע ייִדישע מלוכה. זיי זיינען זיך ווידער צונויפגעקומען און האָבן געמאַכט ירבעמען פאַר זייער קיניג.

אַזוי איז צעשפּאַלטן געוואָרן די ייִדישע מלוכה אין צווייען. רחבעם איז געבליבן קיניג אין דרום איבער צוויי שבטים. ירבעם איז געוואָרן קיניג אין צפון איבער צען שבטים.

איצט זיינען געווען צוויי ייִדישע מלוכות:

1) די מלוכה אין דרום, וואָס האָט זיך גערופן מלכות יהודה (מאַלכעס יעהודע).

2) די מלוכה אין צפון, וואָס האָט זיך גערופן מלכות ישראל (מאַלכעס ייִסראָעל).

וואָס עס האָט מיט די ייִדן ווייטער פּאַסירט וועלן מיר לערנען אין אַ צווייטן טייל פון אונדזער געשיכטע.

עגטפֿערט אויף די פֿראַגן:

1. פֿאַר וואָס זײַנען די אָרעמע פּויערים און פּאַסטעכער געוועזן אומצופֿרידן מיט שלמהן?
2. וואָס האָבן די ייִדן געגעבן רחבֿעמען?
3. וואָס האָט רחבֿעם זיי געענטפֿערט?
4. וויפֿל שבֿטים האָבן זיך אָפּגעריסן פֿון רחבֿעמען?
5. ווער איז געווען קיניג אין מלכות יהודה?
6. ווער איז געווען קיניג אין מלכות ישראל?

סוף פֿון ערשטן טייל